STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02916

# LIDER

Meyer Stiker

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מאיר שטיקער
לידער
ר.ט.

*Copyright*, 1945
By
MEYER STIKER

שער־בלאַט געצייכנט פון י. טאפל.

פאַרלאַג „אַמעריקע"

ניו־יאָרק 1945

25

נאָך צוואַנציק יאָר — דערזעלבער ווינט,
דערזעלבער הימל, דיזעלבע שטערן.
נאָר בלאַסער איז אַצינד די טינט
וואָס רינט און פרירט ווי לעצטע טרערן.

דערזעלבער דינפאַרשפיצטער שטיפט,
צו קריצן ווי אויף מירמלשטיינער —
נאָר אַלץ וואָס בלייבט איז קרומע שריפט
און קליינע אותיות וואָס וויינען.

דערזעלבער טליענדיקער פלאַם,
דיזעלבע נעץ פון גרינע שפינען.
דאָס ערשטע גליט ביי פראַנסיס זשאַם,
דאָס צווייטע גרינט ביי העלדערלינען.

דאָסזעלבע אויג, דיזעלבע צונג,
דיזעלבע אָנגעשפיצטע אויערן.
נאָר איצט איז אַלץ: דעראינערונג
און צייט נאָך אַלעמען צו טרויערן.

# פֿאַרוואָרט צו אַ ניט־געשריבענער עפּאָפּייע

אין די שפּעטע זעכציקער איז מיין זיידע געקומען קיין אַמעריקע. נאָך קנאַפּע צוואַנציק יאָר אין זיין נייער היים, האָט ער נאָך קיין איינמאָל ניט אַריינגעקוקט אין אַ יידישער צייטונג, קיין איינמאָל ניט פֿאַרפֿעלט צו דאַווענען, בענטשן, קריאת שמע־לייענען, וואַשן זיך צו אַ מוציא, מאַכן אַ ברכה ווען עס דונערט און בליצט און קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן איבערצוחזרן דריי מאָל אין טאָג זיין באַליבטסטן פּסוק: „ברוך ה׳ יום יום”.

אַ ייד אַ גבר, איז אים זיין גאַנץ לעבן לאַנג געווען פֿרעמד די מורא פֿאַר אַ חולאת. זיין קערפּער איז קיינמאָל ניט פֿאַרשוועכט געוואָרן פֿון אַ לעפּקער דאָקטאָרשער האַנט און דאָס פּראָסטיקע האַרצטרייבל איז אים געווען פּונקט אַזוי דערווידער ווי די מעדיציניִשע פֿילשמאָכטעס מיט וועלכע זיינע קינדער און קינדסקינדער קוויקן זיך און קענען זיך ניט באַגיין אָן זיי. ביי קיין איינעם פֿון זיינע אייניקלעך זיינען די ציין ניט אַזוי געזונט און שטאַרק ווי די וואָס סטאַרטשען פֿעסט און זיכער אין זיינע אַכציק־יעריקע יאַסלעס און ווען אַפֿילו דאָס סאַמע ייִנגסטע פֿון זיינע אוראייניקלעך מוז פֿאַראומווירדיקן איר שיין און ייִנגמיידלש פּנים מיט אַ פּאָר טאָפּלזיכטיקע שפּאַקולן, האָבן נאָך זיינע אויגן ניט אָנגעוואוירן די שאַרפֿע ראיה מיט וועלכער זיי זיינען געווען געבענטשט אַלע יאָר. זיין פּלייצע, וועלכע איז געווען פֿעסט און גלייך ווי אַ מויער, איז איצטער ניט אַנדערש ווי אין יענע יאָרן ווען ער האָט געקענט אַרויפֿוואַליען אויף איר אַן אויסגעפּאַשעטע יאַלעווקע און מיט אַן אויג ניט קיין פּינטל טאָן. נאָר די פֿולע באַלעבאַטישע באָרד איז שוין מער גרוי ווי שוואַרץ און די אויסגעקראָכענע קאָפּווינקלען זיינען שרייענדיקע עדות פֿון זיין פֿולן און זאַטן עלטער.

אַפֿילו זיינע דריי מאָלצייטן זיינען אין משך פֿון די זעכציק יאָר — פֿון דעם טאָג וואָס מען האָט אים געפֿירט צו דער חופּה — ניט פֿאַרשטערט געוואָרן פֿון דער געוויינלעכער און צוגעוואוינטער רעגלמעסיקייט פֿון אַ גוט אָנגעצויגענעם, גוט רעגולירטן זייגער; סיידן ביי שפּעטנאַכטיקע חתונה־שמחות, אויף וועלכע ער פֿאַרנעמט עד היום דעם ווירדיקסטן אויבן־אָן, ניט נאָר מיט דעם בלישטשענדיקן ערך־טיטל פֿון אַ פֿאַטערפֿאַמיליאַס, נאָר אויך מיט דער צעשפּילטער וואַכקייט און

לעבעדיקייט פון אַלע זיינע חושים: קישקע, געפילטע בריסטלעך, גריוון, הינערנע פופיקלעך און לעבערלעך, יויך מיט אַרומשווימענדיקע רענד־לעך, גראַשיצע — איינגעהאַקט מיט גרינע ציבעלעס און ראש־חודש־רעטעכלעך — פון דעם זאָגט ער זיך ניט אָפּ אַפילו ווי שפּעט די סאָר־ווערס זאָלן עס אים ניט אונטערטראָגן. ער האָט נאָך קיינמאָל ניט פאַר־שעמט קיין פלעשל בראָנפן און עס צו לאַנג ניט געלאָזט שטיין אין שאַפע — נאָר זיסע געטראַנקען האָט ער ניט ליב געהאַט און אויף ווי ווייט צוריק איך קען געדענקען האָט ער זיך אַפילו געקרעקט מיט די פיר כוסות און פרייער אָפּגעאָטעמט ווען ער האָט זיי געקענט אַוועקשאַרן פון פאַר זיינע אויגן.

איך קען זאָגן מיט אַ פול מויל אַז ער איז איינער פון די לעצטע גבורי ישראל וועלכע זיינען אַפילו אַמאָל געווען אַ זעלטנקייט און אַ שם דבר. בשעת ס׳רוב יידן פון זיין עלטער פלעגן איבערליגן אין די שולעכלעך, בתי־מדרשים און קלויזן, פאַרען די פלייצעס אָן די צע־הייצטע אויוונס, דרימלען איבער פאַרפעצטע גמראס, אַרויסדערביוון לייזן פון די פאַכוועס — האָט מיין זיידע אונטערגעטריבן אָן איינגע־שפּאַרט ביקל אויפן וועג פון סטרעליסק קיין בוּבּערקע אָדער זיך גע־באָרעט אונטער דער טאַרגאָוויצע מיטן שטאַרקסטן גוי פון שטעטל און אָנגעקוואָלן פון דער באַוואונדערונג וואָס עס האָבן אים אַרויסגע־וויזן ניט נאָר די קרעפקע, האַרטנעקיקע און שמאַלשטערנדיקע קצבים־יינגען, נאָר אויך די בלאָנדהאָריקע און זעקספּוסיקע ערלים.

אין מרחץ איז ער געלעגן אויף דער סאַמע לעצטער באַנק, איינ־געוויקלט אין דער געדיכטער, זידנדיקער פאַרע אַזוי אַז מען האָט אים קוים געקענט אַרויסזען און דערנאָך אַ צעהיצטער און צעפּאַרעטער אַרונטער גלייך אין דער אייזקאַלטער מקוה אַריין. נגידים האָט ער פיינט געהאַט און אויסגעמיטן און כאָטש דאָס ווייב האָט אים צוזאַמען מיט די ק״ן רייניש נדן אויך מיטגעבראַכט אָן אייגן שטיקל הויז פונקט אַנטקעגנאיבער דעם רוסישן קלויסטער (וואָס דאָס האָט אים באַדאַרפט אַוועקשטעלן אין רייסטער פון די מיוחסים), האָט ער זיך גאַנץ ווייניק געגרויסט און איבערגענומען דערמיט.

ער האָט טאַקע ניט געדאַוונט אין בית־מדרש מיטן ערב־רב, זיינע פיס זיינען אָבער אויך ניט אַריבערגעטראָטן די שוועל פון דער שול, וואו יעדער שטענדער באַזונדער איז געווען באַצייכנט און נומערירט צו וועלכן אויבערשטן פון שטויסל דאָס געהערט.

שבתים און ימים־טובים, אַזוי גוט ווי אין אינדערוואָכנדיקע טעג, ווען ער איז ניט געווען אין וועג, האָט ער געדאַוונט אין דער טשאָרט־

קעווער קלויז צוזאַמען מיט די הייסטע חסידים, וועלכע פלעגן טאַקע קוקן אויף אים ווי אויף אַ פּרעמדן, אָן אוזורפּאַטאָר; נאָר אַזוי ווי ער האָט ניט פאַרפעלט צו ברענגען יעדן ראש־חודש אַ פלעשל אַקעוויט און אַ שקאַרמוץ ציבעלע־ אָדער אייער־קיכלעך, האָבן זיי אים צוגע־לאָזט און אים אַפילו איינמאָל אין זעקס וואָכן מכבד געווען מיט שישי. אַרומגערינגלט פון דער סוויטע אייניקלעך — זיינע זין זיינען שוין געווען אין אַמעריקע — איז זיין „שטול" געווען אויף דער גרעניץ פון דער מזרח־וואַנט. אין וויכן אָפּגלאַנץ פון דער אַטלאַסענער שבת־יום־טובדיקער בעקעשע, איז ער געזעסן און געוואָרן ברייטער ווי לענגער זוען אַיין חסיד נאָכן אַנדערן איז צו אים געקומען בעטן אַ שמעק טאַ־בעקע. ניט איינמאָל איז דאָס פישבייַנערנע פושקעלע אויסגעליידיקט געוואָרן נאָך פאַרן לייענען און ער האָט געמוזט אַהיימשיקן איינעם פון די אייניקלעך עס נאָכאַמאָל אָנצופילן מיטן בעסטן „קאָפּענהאַגע־נער שנופּטאַבאַק".

ער איז ניט געווען קיין בעל־גוף. גראָבייִנגערישע חוצפּה האָט ער אָפּגעשטויסן פון זיך ווי די גראָב־בייכיקע קהלס־פאַרזאָרגער מיט די שווערע, גילדענע קייטן אויף די גרין־סאַמעטענע וועסטל־שפּענצערס, מיט די מיוחסדיק געשפּאַנטע ברייטשקעס, אָן וועלכע זיי האָבן זיך קיין ריר ניט געטאָן, און די מיוחסדיקע, דרייגוידערדיקע ווייבער, די שטאָט־גבאיטעס.

אין סמאַליעדיקע ווינטער־נאָכמיטאָגס איז זיין גרעסט פאַרגעניגן געווען זיך אַריבערצוכאַפּן אין דער פּראָפּאַנאַציע־שענק און נאָך יעדע צוויי־דריי „האַלבעס" ביר „פאַרבייסן" מיט אַ קוואַרטירל „אָקעוויט", ביין־און־ביינציקער. יעדן אָנגעפּעלצטן כאַכאַל וואָס איז אַריינגעקומען מיט פאַרסטראָמפּאַליעטע וואָנצעס און מיט שטיקער זאַווערוכע אין די טרערנדיקע אויגן, האָט ער מכבד געווען מיט אַ גלעזל. זיינע פּאָס־פאַרענע אויגן האָבן געגליט. זיינע ווייסע ציין האָבן געבלישטשעט און אין זיין געדיכטער, שוואַרצער באָבערדיקייט זע איך אים איצטער ווי קאָלערידזש האָט געזען קובלאַ כאַן — נאָר אַנשטאָט טרינקען האָט מיין זיידע געזשליאָקעט און אַנשטאָט „מילך פון גן־עדן" — שוימיקן פּילזנער פון אויפגעפּראָפּעטע פעסער און אונגאַרישן שליוואָוויץ פון אומגעלומפּערט־געשליפענע גלעזער. אין דער פאַרע, וואָס מען האָט געקענט שניידן מיט אַ חלף, אין טשאַד און רויך פון די ליולקע־ציי־בעכס, האָט זיך זיין צונג אָפּגעריסן פון גומען און דער שטומפּיקער געפּענטעטער חתוך הדבור פון דעם געווייַנלעכן איש תמים — האָט אָנגעטאָן פליגל. פון די פולע ליפּן, וועלכע זיינען געווען ווי די פליי־

שיקע יאָדרעס פון מאַנדלען, האָט זיך אַרויסגעשיילט אַ ספּאָנטאַנער אויסברוך פון ווערטער וואָס האָבן געלאַשטשעט זיינע אייגענע אויערן מיט זייער פילקאָלירקייט און אומגעריכטקייט, ניט ווייניקער ווי ביי זיין אייניקל, מיט אַזויפיל יאָרן שפּעטער, די וואוילקלינגענדיקסטע נעמען פון פראַנצויזישע פּאָעטן.

דאָס לשון איז געווען אַ געמיש פון יידיש, כאָכליש, פּויליש, אַפילו ווערטער און פּסוקים פון תרגום אונקלוס האָבן ניט אויסגעפעלט.

ניט ביי איין גוי האָט זיך אַרויסגעגליטשט די פּייקע פון צווישן די ליפּן. מען האָט געעפנט מויל און אויערן, געוואָלט קלאָר פאַרשטיין און אַריינזאַפּן אין זיך די וואונדער וואָס דער שוואַרצבערדיקער ייד האָט געקענט אַרויסכישופן פון זיין מויל, ווי דער לעמבערגער קונצנמאַכער די אומענדלעך לאַנגע, טויזנט־פאַרביקע סטענגעס.

די שענק איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ הייל, אין וועלכער אַ ווילדער שבט האָט זיך פאַרזאַמלט צוצוהערן זיך צו זייער עלטסטן, אָדער ווי אין די מיילן־לאַנגע רונעס פון דער קאַלעוואַלע, צו די העלדן־געשיכטעס פון דעם אַהיימקומענדיקן וואַינאַמאינען.

אַ כבד־פּה אין דער היים, אַ שווייגער אין קלויז, האָט זיך זיין שעמעוודיקייט און שפּראַך־שלאַבעריקייט אויסגעמישט מיטן מאַכאָרקערויך וואָס האָט זיך געזעצט אין די צעטראַסקעטע אָדערן פון די טוכלע און אַלקאָהאָל־אָנגעזאַפּטע ווענט. ס'איז געווען ווי עמיצער אַנדערש וואָלט אַרויסגערעדט פון אים, כאָטש אויסערלעך איז ער געבליבן דער זעלבער מיט אַלע זיינע העוויות און דער אָפּגעשטעמפּלטער באַשיידנקייט פון זיינע באַוועגונגען. אין אָט דעם אויסערלעכן צייכן פון פּשטות און תמימותדיקייט, וואָס איז איבערגעגאַנגען בירושה צו דעם ערשטן פון זיינע קינדער און צו דעם עלטסטן פון זיינע אייניקלעך — האָב איך אים צום ערשטן מאָל געזען ווען דער בעלפער־ייִנג האָט מיך, אַ פינף־זעקס־יעריק קינד, צוגעפירט צום האַלב־אָפענעם פענסטער פון דער פּראָפּאַנאַציע און, אָנווייזנדיק אויף מיין זיידן, אַרויסגעוואָרטשעט: — דאָס איז דיין זיידע. (ערשט מיט יאָרן שפּעטער האָב איך פאַרשטאַנען דעם טעם פון די ווערטער).

אַ דערשראָקענער, אַ פאַרפרוירענער, מיט דעם צאַנקנדיקן לאַמטערן אין דער האַנט, האָב איך זיך דערנאָך, כמעט יעדן אויף דער נאַכט, אַהיימגייענדיק פון חדר, אָפּגעשטעלט ביים זעלבן פענסטער און געוואָלט כאַפּן אַ בליק אויף מיין זיידן, דערציילנדיק מעשיות פאַר די אָנגעפּעלצטע און אָנגעטשיזשמעטע כאָכאָלן.

דאָס זיינען ניט געווען קיין מעשות פון יידן מיט קילעס און מע־

רידן, מיט אויער־פּלוסן און אויסשיט רויזן אויף די קעפּ; פון יידן מיט פּוילע פּניאַקעס אין די געשוואָלענע יאַסלעס, מיט אומפּלייט אין די געדיכטע פלעשלדיקע פּיאות; פון יידן וועמענס פּלייצעס זיינען געווען וואונדיק פון צופּיל רייבן זיי אין אָפּגעשיילטן קאַלך פון בית־מדרש אויוון און וועמענס אויגן־הייטלעך זיינען געווען האַלב־פאַרקלעפּט מיט אַ גרינעם געדיכטן אייטער. זייער ווייניק אַזעלכע יידן האָט ער געקענט און נאָך ווייניקער איז געווען פון זיי צו דערציילן.

נאָר איין זאַך האָט ער קיינמאָל ניט אויסגעלאָזט — יעדעס וואָרט האָט דעמאָלט געלויכטן מיט וואונדער און ווייטיק און זיך אַריינגעשניטן אין איינגעווייד ווי אַן אָנגעגליטע שפּיז — דאָס זיינען געווען די מעשות פון שטאָט־משוגעים און אורחי־פּורחיניקעס, וועמענס לעבן האָט זיך אַרויסגעשיילט מיט דער קאָלירפולער רייכקייט און דערפינדערישקייט פון שפּיצלעך און שטוקעס, מינאַריעס און משונהדיקע איינפאַלן. אין מיין זיידנס מויל האָבן זיי אַלע געפונען אַ תיקון, זיינען זיי ווידער לעבעדיק געוואָרן: יאָיר מיט די קניפּלעך, וועמענס שם האָט אָפּגעקלונגען פון איין עק גאַליציע ביז צום אַנדערן; דער לאַנגער פּיוויש; וואָפּטשי בן ־דוסי מיט די גרינע אויגן און די רויטע האָר, פאַר וועמען קינד און קייט האָט געציטערט, כאָטש ער האָט קיינמאָל ניט געטשעפּעט קיין פליג אויף דער וואַנט; די שוואַרצע העניע, וועלכע איז אי זומער אי ווינטער אַרומגעגאַנגען איינגעוויקלט אין שווערע פלאַכטעס און שטענדיק אַרומגעטראָגן אין אירע קנעכערנע הענט אַ צעזשאַרעטן טאָפּ קוילן.

דאָס איז ניט געווען קיין געוועב פון שאָטנס — אָן האַפט, אָן אָטעם, אָן לייב און לעבן — יעדער באַזונדער איז געווען אַ באַשעפעניש פון בלוט און פלייש, ניט געקוקט אויף דעם וואָס מייסטנס פון זיי ליגן ניין איילן אין דער ערד, אונטערן פלויט פון כרת. מיין זיידנס מעשות וועגן זיי זיינען געווען די איינציקע מצבות אויף זייערע קראָפּיווע־באַוואַקסענע קברים.

אין די אָוונטן ווען איך האָב געוואוסט אַז ער איז אויפן וועג צו אַ יאַריד, האָב איך זיך ניט באַדאַרפט פאָרשטעלן זיין מאַרשרוט איינער אַליין אין די פאַרוויטעטע וועלדער, געטראָגן פון ווינט און באַגלייט מיט דעם יאָמערלעכן געוואָי פון וועלף. אַפילו אין שלאָף האָט מיך געפּייניקט אַ פלאָנטער פון אויסטערלישע געשעענישן, וועלכע זיינען זיך צעוואַקסן אונטערן פאַרגרעסערגלאָז פון מיין קינדערישער פאַנטאַזיע. — איך האָב געזען בופלאָקסן און ווילזעטירן, ווי דעם חומשדיקן צווילינג — דעם עמוד אש און דעם עמוד ענן, היצלס מיט בליאַנקענדיקע מעסערס

אין די גאַרטלען, גזלנים מיט פייער־שפּריצנדיקע אויגן אין די באַרג־שפּאַלטן פון די קאַרפּאַטן — און אַלע אינאיינעם אין קאַמף מיט מיין זיידן, וועלכער איז שטענדיק אַרויסגעקומען דער זיגער.

:: : ::

ס'איז ניט די שמן־זיתדיקע ראָמאַנטישקייט און סאַכאַרין־באַשפּרענקלטע נאָסטאַלגיע, מיט וועלכער מען פּרוּווט זיך קנייפּן די באַקן אַז די פאַרב זאָל שטיין; ס'איז ניט דער פאַרעווער דראַזש וואָס רירט קוים־קוים אָן די סטרונעס פון רוקנביין, ווען מען הערט דעם רעפריין פון אַן איינגעדרימלט, האַלב־פאַרגעסן און מינאָרע פאָלקס־לידל און ס'איז זיכער ניט דאָס ליריש־סינטעטישע קלאַפּערגעצייג, מיט וועלכן ס'איז געוועזן באַשפּיליעט יעדער צוריק־רוף אין דער אויסגעוואָרצלטער פאַרגאַנגענהייט — ניין, ס'איז ניט דאָס אַלץ וואָס האָט אונדז באַדאַרפט צוריק פאַרקניפּן מיט דעם וואַנדל פון דעם גלאָררייכן חלום וועמענס המשך האָט געבליט און געגליט אין אונדזערע בלוטן.

זייער זעלטן האָט מען זיך געקענט אָנשלאָגן אַפילו אין זוים פון דעם חלום, פון וועלכן מען איז אָפּגעריסן געוואָרן נאָך אין די ערשטע קינדערשע יאָרן. אין בלאַסן שימער פון לירישע השתפכות הנפשן, וואו ס'האָט מער דאָמינירט דער אָנגעווייעטער דופט פון פרעמדע גערטנער, האָט מען באַדאַרפט זוכן מיט אַ שפּאַקטיוו צו געפינען די פאַרגרעזנטע סטעזשקע צו די ירושה־קאַמערן, וועמענס טויערן עס זיינען געווען ברייט־צעפּראַלט, וועמענס שוועלן עס האָבן זיך געבעטן מען זאָל זיי אַריבערשפּאַנען. ניט אין דער מאָגערער פּראָזע און זיכער ניט אין דער פּאָעזיע (איך וויל, מען זאָל אינזינען האָבן אַז דאָ רעד איך נאָר וועגן גאַליציע) איז געווען צו מערקן דער מינדסטער אָנדייט פון די צאָלרייכע און פאַבלהאַפטע אוצרות, וואָס האָבן געוואַרט מען זאָל פון זיי אָפּפּראָשען דעם שטויב, אַרומרייניקן דעם שפּינוועב און זיי אַרויסטראָגן אין דער זון.

איך האָב זיך ניט איינמאָל געפרעגט פאַרוואָס גאַליציע, וועמענס באָדן ס'איז זיכער ניט געווען ווייניקער פּרוכטבאַר, וואו דאָס יידישע לעבן איז זיכער ניט געווען ווייניקער איינגעוואָרצלט ווי אין אירע גרעניץ־לענדער, פאַרוואָס גאַליציע איז פאַרבליבן אַן אייביקע ליטעראַרישע עקרה?

אויב די יידן פון לעמבערג, קראָקע, קאָלאָמיי, בראָד אָדער פּשעמישל זיינען געווען אַנדערש פון די אָדעסער, זאַמאָשטשער אָדער קאַסרילעווקער — וואו זיינען זייערע טוביהס, מנחם מענדלס, פישקעס? וואו איז זייער גלאָריע, זייער עיפּוש און זייער עפּאָס?

**ווי איז עס מעגלעך אַז צענדליקער, הונדערטער יאָרן יידיש לעבן זאָל אָפּגעווישט ווערן אָן אַ זכר, אָן אַ מצבה?**

וואו איז דאָס מרחץ, דאָס הקדש, די „זשידיוווסקע ווליצעס", די שייבע יידן און די קוימענקערערס, די קלויזן און די איינפאָרהייזער, די יאַרידן און די שלוש־סעודותן, די שטעלערס, די „פלאַגערס", די קאַ־ליקעס, די שטאָט־משוגעים, די זיידענע אידימלעך און די דאָרפסגייער — אין וועמענס ווערק זיינען זיי פאַראייביקט געוואָרן אַזוי אַז מיט יאָרן שפּעטער זאָלן די אייניקלעך קענען אויפזוכן זייערע זיידעס און באָבעס?

וואו זיינען אויפבאַוואָרט זייערע ליידן און פריידן, זייערע אומ־גליקן, חולאתן, טיפוסן, אונטערגענג, רדיפות, זייערע בענקענישן און חלומות? — אין די שטאָט־פּנקסן, אין די פאַרגעלטע בלעטער פון אַ בדחן, אַ מאַרשעליק, אַ לץ, אַ חוזק־מאַכער, אַ גאַסן־זינגער אָדער צווישן די שורות פון אַ יוסף־שפּיל, וואָס בלויז אַ באָבע אָן ציין קען זיך דער־מאָנען אין דעם.

אין וועלכן ראָמאַן זיינען פאַררעגיסטרירט די העלדנטאָטן פון די „שטעלערס", טרעגערס, גזלנים, שלעגערס און קצבים־יינגען, פון די דאָרפסגייער און אָקסנטרייבער, שטרויקייער און לופטעסער — זייער זאָרגלאָזיקייט און שמד־שטיק, אויף די וועגן און אומוועגן פון דעם אַמאָליקן גאַליציע?

אין וועלכער פּאָעמע איז אויסגעדריקט זייער ווייטיק און פרייד, זייער גלויבן און מסירת־נפש, זייער וואַנדער און זייער וואַנדל, זייער אייגנזעסנקייט און אייגנפונדעוועטקייט אויף די פּוילישע וועגן און קאַיזערשטראָזן?

וואו איז די באַלאַדע אין וועלכער מען זאָל געפינען ניט בלויז אַן אָנדייט פון יענער גרויסער ירושה וואָס דאַרף אונדז פאַרבינדן מיט די דורות, מיט דעם אָטעם און בלוט פון אונדזער פאַרגאַנגענהייט — אַז זי זאָל אויף אייביק פאַרבלייבן אין אונדזער אָנדענק, ווי דער פלאַ־קערדיקער דאָרנבוש, פון וועלכן עס קען קיינמאָל ניט ווערן אַש און שטויב פאַרן ווינט?

אַש און שטויב איז געוואָרן געבנוג. אַפילו פייערלעך זיינען געוועזן. זייערע פונקען זשאַרען און טליען נאָך וואו ניט וואו. פון וועלוול זבאַרזשער און בערל בראָדער ביז ש. י. אימבער און איציק מאַנגער. פונקען שפּריצן אויף ביי נאַדירן, ביי האַלפּערנען, ביי פוקסן און ביי שטאָלצענבערגן. נאָר אי נאַדיר, אי האַלפּערן, אי שטאָלצענבערג זיי־נען נאָך אין זייער מינדעריעריקייט אויסגעוואָרצלט געוואָרן פון דער סאַמע ערד וואָס האָט זיי אויסגעוואָרימט און אויסגעטראָגן — אַזוי אַז

בלויז שאַרסטקע און אומבאַדייטנדע קרישטאָל־שטיקלעך האָבן זיך אָפּ־געקרישלט דערפון און אויפגעבלענדט אין זייערע ווערק.

ס׳איז נאַטירלעך אַז פון אַזאַ זיידע ווי מענדעלי איז געווען זאָל אַרויסקומען אַן אייניקל ווי בערגעלסאָן — וואָרצלען שלאָגן וואָרצלען, קוואַלוואַסערן טריקענען ניט איין, אַ פייערשפייענדיקער באַרג ווערט בלויז שטיל אויף אַ ווייל און ווידערהאָלט זיך. וועלכער בייזער גורל האָט געווירקט אַז גראַד אָט דער שמאָלער און לאַנגער פאַס ערד, וואָס איז אַזויפיל יאָרן געווען אונטער דער ממשלה פון דער האַפּסבורגער דינאַסטיע, זאָל ניט האָבן ביידע?

:: : ::

שוין צוואַנציק יאָר אַז מיין זיידנס ליפּן זיינען פאַרשלאָסן.

די נייע היים איז אים פרעמד, ווי פרעמד ס׳איז פאַר זיינע אייניק־לעך און אוראייניקלעך די וועלט וואָס לעבט אין זיין געדאַנק, דער גע־דאַנק וואָס ראַנגלט זיך צו בלייבן וואָך און וויל ניט אונטערגיין.

זיין איינציקער אַנהאַלט זיינען די זכרונות וואָס זיינען ווי קילע, פרישע טוי־טראָפּנס אויף אַ האַלב־פאַרטריקנטער בלום.

אויף די גוט־געפלאַסטערטע ניו־יאָרקער טראָטואַרן, צווישן די היילן פון שטאָל און גראַניט, טרעט ער מיט דער זעלבער זיכערקייט און פעסטקייט ווי אַמאָל — „אין יענע יאָרן”.

נאָר זיין היים איז דאָרט וואו ס׳איז פאַרבליבן זיין חלום — אין די שאַרפע טראַסטינעס פון טייך, אין דער שפּיגלדיקער קלאָרקייט פון די שליוזעס, אין שניי און זאַווערוכע, אויף גליטשיקע שליאַכן און גע־פערלעכע וואַלד־וועגן, צוזאַמען מיט די אַנדערע יידן פון זיינס גלייכן — וואָס דאָרטן זיינען זיי געווען: לעבעדיקער עפּאָס און דאָ — אויסגע־לאָזטער פאָדים פון אַ שטאַרבנדער לעגענדע!

# אין אייגענעם געוויין

# דער גאָלדענער זינגער

(פאַר בוניע צוך)

נאַקעטע זריבעס; וואָרנדיקער קלויסטערשפּיץ.
באַדיקעס און ווילדגראָז טרויערן.
וואו זיינען אַלע שיינע מויערן,
דער שולדאַך, די טשאַטע טויבן
און די שאַרלאַכבלעטער פון די ווילדע טרויבן
ביי חיים נגיד׳ס בלישטשענדיקע שויבן?

וואו איז דער שולהויף און וואו איז הערש דער לאַנגער
און וואו אָ, וואו איז פראַים פּאַגלפאַנגער?
וואו די תכריכים וואָס זיין מוטער האָט גענייט
מיט אַ פּראַסטיקער נאָדל און מיט הייסע פינגער —
די אַלטע מוטער און איר זון דער זינגער?

וואו זיינען די יינגלעך מיט די פּאַפּירענע טשאַקעס און הילצערנע
זעבלעך,
מיט טשערעפּלעך, מיט גראַצערס און מיט קנעפּ?
וואו זיינען די יינגלעך מיטן געלן אויסשיט אויף די קעפּ,
די יעפּרייטערס, די צוגפירערס און די פעלדוועבלען?
וואו זיינען די אויסגעקעכלטע, — אין סאַמעטקראַגנדלעך,
אין היטלעך ווי מאַטראָסן, —
וואָס האָבן פאַרבאָרגענערהייט געכאַפּט אַ שלוק פון דאַמענפּאַפּיראָסן?
וואו איז פויטאַש מיטן גלעזערנעם אויג און אויסגעדרייטע שיך
און וואו אָ וואו איז פראַים פּאַגלפאַנגער מיט זיין פליך?

וואו איז ער וואו, דער גאָלדענער זינגער
וואָס זיין שם האָט ווי אָ ווילד געוויקס זיך שיין צעבליט
אין קראָקע, אין פּשעמיש, אין טאַרנאָפּאָל,
און מיטגעגאַנגען מיטן בעטלער אויפן יאַריד,
און מיטגעגאַנגען מיטן פּאַסטוך אין טאָל?

וואו איז ער וואו, דער גאָלדענער זינגער,
וואָס האָט ווי בערל בראָדער אויסגעמאָסטן דאָרף און שטאָט,
געשטאָרבן פון הונגער, געגעכטיקט אין באָד
און געררופן די וועלט — „מיין גינגאָלדענער ראָד"?

וואו זיינען זיינע לידער — „מיינע האַרציקע זין"? —
וואָס מיידלעך פלעגן זינגען ביי דער זינגערמאַשין,
פרייטיק אויף די דילן ביים גביר
און שבת אויפן פעקאַליק און ביים שפּאַציר?

⁂

אָ, פראָים פּאָגלפאַנגער, גאָלדענער זינגער,
וועלכער בית עולם באַהאַלט דיין געביין?
איך שרייב דאָס ליד מיט ציטריקע פינגער,
זאָל מען עס לעזן אין שטילן געוויין.

# מיין יחוס

אַ פידלער, נעמט די ווילדע פידלען סטראַיען!
אַ פייקלער, שלעפּ די פּויק אַרויס פון זאַק!
כ׳בין ניט קיין לוי, איך בין ניט קיין כהן —
איך בין ווי אַלע ישראלים אַ פּראָסטאַק!

מיין טאַטנס טאַטע איז געווען אַ חיט,
מיין מאַמעס איז אַ קצב בן קצבים.
קלאַרנעטער, זאָג, וואָס האָסטו זיך פאַרטאַיעט?
פאַרהאַניע די נגידים ווי די כלבים!

ווי קעכינס, וועלכע ווייסן וואָס אַ גוטע קיך איז
און ווי דער אַלטער וואַסערטרעגער זיינע קאַנען,
אויסגעבונדן בין איך אין מיין יחוס —
העכער, העכער לישעט באַראַבאַנען!

כ׳געדענק נאָך ווי עס איז אַ הונגעריקער
און אויסגעבויגן ווי אַ קאַרקנציער —
מיין אַלטער זיידע, זישא מרדכי שטיקער,
געשטאַנען פאַרן שטאָטישן גביר.

צעווייַנט זיך, פלייטן, יאַמערלעכער כליפּעט!
נאָך וואָס, נאָך ווען האָב איך איצט צו בענקען?
אַ, גראָבע טרובע, וואָס האָסטו זיך צעכריפּעט?
ס׳איז ביטער, ביטער, ביטער דאָס געדענקען!

# באַלאַדע פון מיינע צוויי פעטערס

מיין פעטער שמעון איז געגאַנגען פאַרדריפּעט,
מיין פעטער וואָלף האָט געלעבט פון פּראָצענט.
שמעונס ווייב האָט געוויינט און געכליפּעט
און טאָג ווי נאַכט געבראָכן די הענט.

מיין פעטער שמעון האָט געהאַט צוויי טעכטער,
מיין פעטער וואָלף האָט געהאַט צוויי זין,
איז איינער פון צווייטן געוועזן שלעכטער
און יעדן ווינטער געפאָרן קיין ווין.

פון ווין האָבן זיי אַהיימגעבראַכט ווייבער,
מיט שמאָלע טאַליעס און בלאָנדע האָר.
שמעון איז געוואָרן אַ שמאַטע קלייבער
און וואָלף אַלץ רייכער פון יאָר צו יאָר.

שמעונס טעכטער ווערן עלטער און בלאַסער
און ייִנגער די בלאָנדע ווייבער פון ווין.
זיי טרינקען וויין מיט זעלצערוואַסער
און שלאָפן אין העמדער פון קרעפּ דע שין.

זיי פאָרן אין בריטשקעס אין דערוואָכן
און שבת רייטן זיי אויף פערד.
שמעונס ווייב ווערט איינגעבראָכן,
שמעונס טעכטער ווערן פאַרצערט.

מיין פעטער וואָלף האָט די זאַטע יאָרן
געשעפּט ווי וואַסער מיט אַ גאָלדענער קוואָרט.
צו פערציק יאָר איז אַ וואָגן געפאָרן
און שמעונען געפירט אויפן הייליקן אָרט.

אין הקדש זיינען שמעונס טעכטער,
זייערע קעפּ זיינען ווייס ווי ידער ווייסער שניי.
אָ גאָט, וואָס ביזטו אַזאַ שלעכטער
געווען צו שמעונען און צו זיי?

# באַלאַדע פון מיין באָבען אויף דער עלטער

(א)

מיין באָבע האָט איבערגעלאָזט דעם זיידע
ווען זי איז אַלט געווען זיבעציק יאָר
און אינמיטן מאַרק, בפני כל עם ועדה,
אומגעגאַנגען אין די אייגענע האָר.

דער זיידע האָט געווייִנט און געקלאַפּט דעם שטערן
אין די גראָבע ווענט פון דער טשאָרטקעווער קלויז.
זי האָט חוזק געמאַכט פון זיינע טרערן
און אים איבערגעלאָזט אָן אייגן הויז.

די בערדיקע סוחרים אין די קלייטן
האָבן איר נאָכגעקוקט מיט שפּאָט און שפּאַס —
נאָר דאָס עלטסטע אייניקל האָט געוואַגט באַגלייטן
די שטאָלצע באָבע פון גאַס צו גאַס.

מיט אַ געהויבענעם קאָפּ און אַ ווירדיקער מינע
האָט זי געציילט די טריט אויפן טראָטואַר
און אַנטקעגנגעטראָגן שנאה דער שנאה
פון יעדן אָפּגעריסענעם נאַר.

אויפן געפאַלדעוועטן האַלדז אַ שנור פּאַרביקע קרעלן
און אַ האַלב טוץ רינגען אויףביידע הענט —
ווי ביי אַ יינגער כלה וואָס וויל געפעלן
האָט איר אַלטער שטערן געבליט און געבלענדט
ווען זי האָט אייגעמאַנט ביי געוועלבן און שטעלן
איר וועכנטלעכע צוויי פּראָצענט.

דער שגץ פון דאָרף און דאָס יינגל פון חדר,
דער אָרימאַן, דער שלעפּער און דער גביר,
דער דיין, דער הקדש־ייד און דער בעדער
האָבן געקוקט מיט דערשראָקענע אויגן אויף איר.

זי האָט פאַרשיקט אין דער ווייט איר̈ע זין און טעכטער
און איז געבליבן עלנט ווי אַ שטיין.
אויס מורא זי זאָל ניט ווערן לייטיש געלעכטער
איז זי איינגעשרומפּן ווי אַ וואָרצל כריין.

נאָר אין איין אויפדערנאַכט האָט זי פאַרבונדן
אַ קלומיק מיט אַ דינעם שטריק —
און אזוי אַרום פון שטאָט פאַרשוואונדן
און קיינמאָל ניט געקומען צוריק.

(ב)

פון אַ בריוו וואָס זי האָט מיט יאָרן שפּעטער
געשריבן צום דיין, איר געשוועסטערקינד:
— „מיינע טעג פליען ווי פאַרוויאַנעטע בלעטער,
געיאָגט פון אַ שאַרפן, שפּעט האַרבסטיקן ווינט.

— ווייט פון דער היים קלויב איך זיך שטאַרבן
מיינע יאָר אויף דער גרעניץ פון אַכטן טוץ.
זאָלן די אָרימעלייט פונעם הקדש אַרבן
מיין איבערגעבליבן האָב און גוטס.

דער שוואַרצער חנה׳ן: די פאַרצערעוועטע זאַכן.
לאה־העניטשעס: די פאַרלאַטעטע שיך,
און אַלע וואָס האָבן זיך פאַר מיר געשראָקן:
די צעטשערפּעטע טעפּ און טעלער פון קיך.

נאָר די לעפל־גאָפּל וואָס זיינען פאַרזשאַווערט
פון ליגן אין שופלאָד אומבאַרירט:
דיין ווייב וואָס האָט זיך מיט מיר געחברט
און מיידלוויז מיט מיר אַרומגעשפּאַצירט.

אויך מיין שטערנטיכל, אַלט ווי דאָס גלות,
דעם האַרטן מיידלשן גאַרסעט,
דעם פּעלץ מיט די אויסגעקראַכענע פּאָלעס,
די טוכלע ציכן פונעם איבערבעט.

אויך דאָס שייטל וואָס האָט געגערט מיין צאָרן,
און דעם עלטסטן עדות פון מיין צער:
דאָס קלייד אין וועלכן כ׳בין אַ כלה געוואָרן
און געשטאַנען פאַר דער שטאָט ווי אַ נאַקעטער נאַר.

אויך דעם סידור, דעם טייטשחומש און די תחינה —
אויב עס איז נאָך עפּעס פאַרבליבן פון זיי —
שענק איך איר אָן קנאה־שנאה,
און מיט אַ געווויסן ריין ווי שניי.

און דיינע צוויי פאַרזויערטע שוועסטער:
די פעדערן פון מיין ווינער הוט.
זאָל גאָט מיך שטראָפן אויב איך לעסטער
און לאַך פון מיין אייגן פליש און בלוט.

אויך לאָז איך איבער פאַר זיי ביידן
אַ פאַרקלאַפּטן קופערט מיט אונטערוועש.
איך וועל צוגרייטן שטולן פאַר זיי אין גן־עדן
מיט פוסבענקלעך פון געשייערטן מעש.

איצט פיבער איך אויף מיין געלעגער,
עס ווערט מיר קאַלט, עס ווערט מיר הייס.
וואָס וועל איך לאָזן דעם וואַסערטרעגער?
איך וועל אים שענקען קאַנען פון מיין פראַסטיקן שווייס.

זאָל ער זיי צעטראָגן אין אַלע שטיבער
און אָנפילן די פעסער ביז צום ראַנד —
זאָל ווי אַן אונטערגאַנג זיך שפרייטן מיין פיבער
איבער דער לענג פון שטאָט, איבער דער ברייט פון לאַנד.״

# דער פֿאַרטריבענער זון

איצט בין איך שוין מער ניט דער ייִנגער זון וואָס שטאַמלט און וואַרט
אויף אַ גנעדיק וואָרט פֿון פֿאָטער ווען ער האָט אָפּגענאַרט.
איך זע אין דער זון אויף די שינעס און אויף די טראָטואַרן
דאָס צאָרנדיק פּנים פֿון מײַן פֿאָטער ווען איך פֿלעג אים נאַרן.

זון, זײַ ניט גנעדיק צו מיר, איך בין ווי יעדער איינער
וואָס לאָזט דעם קאַלטן בליק פֿון זײַנע טריט אויף די
טראָטואַרן־שטיינער.
איז די זון גנעדיק צו מיר, איז די זון שלעכט?
איך גיי נאָך דער זון ווי אַ געהאַרכזאַמער קנעכט.
די זון איז ניט גנעדיק, די זון איז ניט שלעכט.

וואו ווילסטו מיך פֿירן? איך וועל גיין וואו דו וועסט גיין.
איך זע מײַן פֿאָטערס טרויעריקע אויגן, איך זע זײַנע מילכווייסע,
קינדערשע ציין.
דאָ, אין דײַן גאָלדענעם שאָטן לאָז מיך בלײַבן שטיין.

— בלײַב שטיין מיט מיר, הער אויף די גאַסן זעגן,
ליכטיקער רעגן, גאָלדענער שפּריי פֿון רעגן.

מײַנע פֿיס האָבן געאַקערט די האַרטע קאָרע פֿון דער ערד
ווען מײַן טאַטנס אויגן האָבן זיך איבערגעקערט.
נאָר די זון האָט אַ טרייסט מיר אונטערגעטראָגן —
איך האָב געקושט די הענט וואָס האָבן מיך געשלאָגן.

די גאַס איז אַ הייל וואו איך האָב פֿאַרבלאָנדזשעט. ווי אַזוי וועל איך
דעם וועג צוריק געפֿינען?
אַן אָפּגעטיילטער זייל פֿון דער זון איז אין מײַן פֿאָטערס אויג אַנטרינען.
איך בין געשטאַנען אַנטקעגן אים, געשטאַמלט ווי אַ נאַר.
זון, לאָז איבער די שינעס, לאָז איבער דעם טראָטואַר.
פֿיר מיך אָפּ אַהיים. פֿאָטער, איך וויל זיך נאָכאַמאָל געזעגענען.
גאָלדענע בליטן פֿון הימל רעגענען.

# אין אייגענעם געווייין

(א) דאָס אַלטע מיידל אין געוועלב.

ווען זי וואָלט כאָטש נאָר ניט געווען אַליין —
זיך אויפהויבן אַ פליענדיקע ווי פאַפיר אין שטאָרעם!
זי ווייסט: אַמאָל, אַמאָל וועט זי צעגאָסן ווערן אין געוויין,
דאָס מויל וועט ליגן אויף דער ערד — אַ קלעפּעדיקער וואָרעם.

נו, יאָ. אַמאָל האָט זיך געשפּונען וואָס און טאַקע דאָ.
דאָס פאַרהענגל איז ניט געוועזן קויטיק; טיר און פענסטער
אויפגעפּראַלט.
דאָס שוואַרצע פינטעלע: אַ רגע וואָס איז הונדערט שעה,
דער וואָרצל אויף דער לינקער באַק האָט נאָך אַזויפיל ניט
אַראָפּגעשטראַלט.

ס'איז ניט כדאַי אַלץ אויפצוהעלן אויף צוריק!
פון דאַנען ביז אַהין — אַ שפּאַן און אפשר צוויי.
נאָר אין דער ברודיקייט פון פאַרהענגל אַ שפּינוועב־בריק,
אַ וועלט אַן אַנדערע אין טומל, אין געדריי.

זי וואָלט געלאַכט, געקאַטשעט זיך, געוואָרפן אויפן בויך,
אַראָפּגעשלעפּט דעם נאַפטלאַמפּ, אַנגעטאָן אים אויפן קאָפּ.
נאָר אין גוידערדיקן האַלדז שטיקט, ווי זי וואָלט אַנגעגעסן זיך מיט רויך
און ס'שלייערט זיך די נאַכט פאַמעלעך־שטיל אַראָפּ.

אַ זעקל, אַנגעפּילט מיט קוקורוזעמעל, אַן אַנדערס פול מיט באָב,
דאָס אָפּגעפרעסענע צעראַטע־טישטעכל און טאַקע זי אַליין.
אין פאַלנדיקן דעמער צעבלעזלט זיך, צעפּיצלט זיך איר קאָפּ,
זי וועט אַמאָל צעשמאָלצן ווערן אין איר אייגענעם געוויין . . .

(ב) דער טאַטע קומט אַהיים פון שול.

ניט דאָס וואָס יעדנס בליקן האָבן זיך צעהאַנגען אויף זיין שטערן,
אויף זיין באָרד,
ווי ס'הענגט אַמאָל זיין טאַכטער אויס אַ בינטל קנאָבל אויף דער גאָס.

דער תפלין־זאַק איז ווי אַ שווערער שטיין,
די אויגן פאַלן צו פון מידקייט, פון שלאָפן משוגעת.

דער הענגלייכטער דער מעשענער אין שול, דער ארון־קודש
מיט די דוכנדיקע הענט —
אַ, בלעזלדיקער, ווייסער שוים, ביי ברעגעס פון זיין אייגענעם געמיט.
אין מח קרישלט זיך, אין האַרץ אַ טליענדיקער פייער ברענט —
די טאַכטער רעדט. ער שטאַמלט און ער ענטפערט ניט.

ער ווייסט: זי האָט אים אָנגעגרייט אַ באַנק, אַ טיש, אַן איינגעשטאַנען גלאָז,
ראש חודש רעטעכלעך, אַ יונגע ציבלקע און קאַרנראָזעווע ברויט.
דאָס קלינגל פון דעם קניפּיקל צעוואַקסט זיך אין אַ שווערד
און ס׳עגבערט דער פאַרדראָס: זי בלייבט אויף אייביק שוין
אַן אַלטע מויד.

זי רעדט צו אים און גלעט זיין אַלטן קאָפּ,
ער פילט אַ קרעכץ אין יעדן פינגער, אין יעדן בויג פון אירע הענט.
ער זעט: זי שאַרט די טרערן פון געזיכט פאַמעלעכן אַראָפּ.
עס ווייבען מיט: דער דיל, די סטעליע און די טוכלע ווענט.

אַמאָל האָט זיך געוויקלט דאָ דאָס זיסע ליד פון גליק,
מיט יעדן טיק פון זייגער — קוועלנדיקע פרייד!
(אַ מיט הונדערט און מיט טויזנט יאָר צוריק!)
און איצט — דאָס לעבן האָט זיך קוליעס אָנגעגרייט.

אַ זייִדן קלייד האָט זיך געוואַלגערט אויף דער סקריפּנדיקער בריק,
אַ זון האָט גאָרטנדיק געשפּילט זיך אויף איעדער בייט.
און איצט איז שפּעט און פינסטערלעך און דעמעריק —
פאַרצערט ליגט ערגעץ אויסגעשפּרייט די דעמאַלטדיקע פרייד.

די נאַכט איז נאָנט. דער טויט האָט זיינע נעגל איינגעדראַפּעט
אין דעם אַלטנס באָרד.
ווי וואַסערטראָפּנס ריזלט די שלאָפע מידקייט אויף זיין צעלעכצטן לייב.
(וואו איז זיין טאָכטער איצט, וואו איז זיין ווייב?)
און אויפן פּעסל וואָסער שטאַרט אַן אויסגעטשערבעטע די וואַסער־קוואָרט.

### (ג) די מוטער רעדט.

זיי וועלן קומען דאָ צו מיר אימגאַנצן אומגעריכטערהייט
און איך וועל זיין די ערשטע אויסצושטרעקן זיי די הענט.
דער מאַן, דאָס קינד — אין זינגענדיקער, אויפגעלעבטער פרייד —
ס׳וואַרטן שוין אויף זיי די ליימיקע פיר ווענט.

ס׳וועט היימישער מיר ווערן דאָ די פרעמדע ערד,
און אפשר וועט אַמאָל אַ לאַך מיר שטעכלדיק דורכנעמען.
און אפשר וועט אַמאָל אַ לאַך מיך שטעכלדיק דורכנעמען.
און האָב געלאָזט דאָס האַרץ פאַרחלשן און קלעמען.

קען זיין אַז זי וועט צערטלען נאָך מיין שטערן
און איך וועל ווי אַ מוטער ווידער ציטערן פון פרייד.
קען זיין אַז ווען איך וועל איר קול דערהערן
וועל איך פאַרגעסן אַז מיר זיינען טויט.

### (ד) טויט — די לעצטע רייד פון מיידל.

קום נענטער, נענטער, לייג זיך אויף מיין שטערן
ווי אויפגעלעבטע, כוואַליקע מוזיק.
איך וויל דאָס לעצטע ציטערדיקע וואָרט נאָך הערן
און שטאַרבן אינדעמזעלבן אויגנבליק.

איך וויל די הייסע פינגער אויף מיין האַרץ דערפילן —
זאָל צאַפּלען אין דער גסיסה מיין פאַרלעצט געמיט.
און קאָפּ און הענט און פיס און איינגעקראַמפטער ווילן —
שטאַרבט אָפּ, שטאַרבט אָפּ איינייִנעם מיט מיין ליד.

# לידער צום יינגל אין גאַליציע

לכבוד דעם שטומען, דעם בלינדן, דעם טויבן . . .

די שטערן פאַלן
וויַ ביס און וויַ טרויבן —
לכבוד דעם שטומען,
דעם בלינדן,
דעם טויבן.

דאָס גרינע אויג
פון אַ קראַסער קאַץ,
ברענגט די לבנה
צעשניטן
אויף אַ טאַץ.

און דער שטומער,
דער טויבער
און דער בלינדער.
שפּייַזן דערמיט
זייערע ווייַבער און קינדער.

(א) אין וואַלד.

די מוראַשקעס שפּילן ליבעס
אונטער די שירעמלעך פון וואַסערגזשיבעס.
די האַרטע ביימערקאַרעס טראַסקען
אין דער זון. די פויגלערוילעס בליאַסקען.
פון בערעזעס זיסע זאַפטן רינען —
איין וואָרים וויל אַן אַנדערן געפינען.
פון צופּיל גליק די דרייצנפוסיקע שפּינען
שפּרינגען אום ווי אַראָפּ פון זינען.
די באַביצע שפּאַנט אַרום געמיטלעך
און ציילט אירע דריבנע, געמאָסטענע טריטלעך.

(ב) די באַביצע.

ווען די באַביצע וועט בינדן די שפּענדלעך אין בינטלען
וועלן דיביימער רוישן און דער ווינט וועט ווינטלען.
אין איר פאַרטוך וועלן פאַלן באַרן און פלאַמען —
זי וועט טרעטן מיט די פיס איבער וואַסערשוואַמען.
פייגל וועלן זינגען און דער ווינט וועט זיך פרייען
און אַריבער דער באַביצעס קאָפּ זיך דרייען.
דער בער וועט קושן אירע צעריסענע שקראַבעס
און איר אַנטקעגנטראָגן זיינע שוואַרצע לאַבעס.
די מוראַשקעס און די גאָלדענע פליגן
וועלן בייסן איר הויט און זיך קריגן און קריגן.
ווען דער באַביצעס אויגן וועלן פון מידקייט פינטלען,
וועט זי נעמען אויף דער פּלייצע די געבונדענע בינטלען —
און מיטן וואַלד, מיטן בער, מיטן ווינט זיך געזעגענען.
דער הימל וועט מיט גאָלדענע רענדלעך רעגענען.

(ג) ווינטערווינט.

ווינטערווינט, ווינטערווינט, שפּאַלט זיינע אויגן,
טראָג אים אויף די שאַרפן פון דיין רוקנבויגן —
מיט שניי אויף די ליפּנשניטן,
מיט פראָסט וואָס ברענט,
טראָג אים אויף דיין לופטיקן שליטן,
טראָג אים אויף דיינע נאַקעטע הענט.
מיט דער קראָסער קראָ וועט ער שרייען און פליען —
מיט צעשטאָכענע אויגן און געבראָכענע קניען,
און צוזאַמען מיט דיר — אויף די שנייאיקע קרוינען
פון די העכסטע און ליכטיקסטעביימער וואוינען.

(ד) די באָבע קומט אין קינדערהויז.

וואַרף אַוועק, וואַרף אַוועק דעם טרוקענעם קאַטשן —
די באבע האָט דיר געבראַכט אַ פּאָר פּילצענע באַלאַטשן.

פאַנטאָפּעלעך נייע מיט זיידענע טראָלדן —
פאַרן קינד וואָס איז גוט און ווי אַ מלאך גאָלדן.
די באָבע האָט דיר געבראַכט עפּל און באַרן —
דיין מאַמע איז געשטאָרבן אין די לעמבערגער פּיאַרן.
די באָבע האָט דיר געבראַכט נאָך אַנדערע מתנות:
שטרודל און לעקאַך און וויינבאָנבאָנעס,
זאָקן פון וואָל און פון וואָל אַ שפּענצער —
אַז פון אַלע קינדער זאָלסטו זיין דער שענסטער.

(ה) דער ניטגוטער.

די אויגן — בורשטין,
די ציין — פּערלמוטער.
וואואַהין, וואואַהין
לופסטו, ניט גוטער?

די פיס — ספּרוזשין,
דאָס מיצל — קאַרע.
די הענטלעך — דין,
קיין עין־הרע.

דער שפּרונג איז ווינט
און שאָרך פון פעכער —
ווי אַ ספּריטנע אינד
איבער הייזערדעכער.

וואו פליסטו, וואו,
איבער שול און קלויסטער —
אומרו דו,
ווילדצעברויזטער?

צי זוכסטו אַרום
דיין פאָטער און מוטער?
וואָס קוקסטו קרום
אויף מיר, ניט גוטער?

וואָס שפּרינגסטו, ברען,
אַריבער דעם מולד —
האָט מען דען
אַ קינד דיר געקוילעט?

זאָל שוין זיין געגוג
דיין משוגענער וואַנדל —
נאַדיר וויין אַ קרוג
און פאַרבייס מיט צוקערקאַנדל.

(ו) אַ בריוו פון פאָטער.

איך קען צו דיר ניט קומען
אַפילו איינמאָל אין יאָר,
זען דיינע בירברוינע אויגן,
זיך שפּילן מיט דיינע האָר.

זינט איך בין פאַרשוואונדן
איז פאַר מיר די זון פאַרשטעלט,
אונטער אייזערנע גראַטעס
איז פאַרשפּאַרט דיין טאַטע, דער העלד.

ער וואַרפט זיך אויפן געלעגער,
ער רייסט פון זיך די הויט.
דאָס איינציקע קינד אינדערוויטנס
איז זיכער דער טאַטע איז טויט.

דער טאַטע ציילט די מינוטן,
די אויגן צו דער טיר געווענדט —
ניט איינמאָל זעט ער דיך קומען
און עפנט ברייט די הענט.

דיין מאַמע איז אין די פּיאָרן
מיט קייטן אַרום די ליטקעס,
און איך וועל שוין זיכער שטאַרבן
דאָ — אין די לעמבערגער בערגיטקעס.

## רואינען

אויב ס׳וועט ווער זאָגן אַז פון הויז איז אַ סימן פֿאַרבליבן
און די אויגנדעקלעך ניט אַרונטערלאָזן —
וועט מען אים נעמען ביי דער האַנט און ווייזן:
זע, עס וואַקסן באַדיקעס און ווילדע גראָזן.

און ער וועט שווייגן דעמאָלט ווי די איינגעזונקענע וואַנט:
דאָס אָרט איז דאָך אַזוי באַקאַנט און ניט באַקאַנט.
אַט דאָרט וואו ס׳איז אַצינד דער ווילדער בוים פֿאַראַנען
איז אַמאָל אַ טיש, אַ שטול, אַן אויוון צי אַ בעט געשטאַנען.

פראָסט און פייער

# באַלאַדע פון פראָסט און פייער

(ר. אײזלאַנד'ן)

דער וואָלף הויבט אָן צו וואָיען
און שפּריצט מיט הייסן שוים.
דאָס מויל פון יונגע פרויען
צעעפנט זיך אין טרוים.

ווי ביי דעם וואָלף, עס זיינען
די ציינער ווייס און שאַרף.
ידי יינגע בלוטן ברענען —
ס'איז יעדנס לייב אַ האַרף.

דאָס שמאָלע בעט אַ שייטער.
— איך פלאַקער און איך זע:
פון וויטנס קומט אַ רייטער
צו מיר. איך בין דער סנה.

— פאַרוויקל מיך אין פלאַמען.
— איך הער קוים וואָס ער רעדט.
ער נידערט צו די שטאַמען
פון פלאַקערדיקן בעט.

און לייב אין לייב פאַרפלאָכטן.
דער טרוים אַליין איז וואָר.
זיי ליגן ווי געשאָכטן —
פראָסט פאַלט אויף די האָר.

# בלוט און טרערן

(י. ל. טעלער'ן)

אין אַזאַ אָונט אַטעמט שווער דער ווינט,
שטערן שיילן זיך ווי בליטן.
די לבנה האָט אַן אומזעבאַרע האַנט אויף העלפט צעשניטן
און יונגע מיידלעך גייען אום אין בלוט און טרערן.
די מאַמעס וואַרטשען שטיל: — פאַרשאָלטן זאָל דער אָונט ווערן,
מיר געדענקען אים נאָך גוט.
איצט וועלקט ער ווי אַ טונקלע בלום אין אונדזער בלוט.
איצט בליט די רויז אין אונדזער טאָכטערס בלוטנדיקער שויס.

די מיידלעך גייען אום אין בלוט און טרערן —
זיי וועלן אויך אַמאָל ווי מיר פאַרלאָשן ווערן.

# קלאָגליד אויפן טויט פון אַ מיידל

אָ, ווי אַזוי וועל איך דאָס אָנהייבן?
ווי אַזוי וועל איך זיך איצט דערמאָנען?
ווי שנייען האָט דער ווינט פאַרווייעט
דיין אָנדענק און דיין פּנים ווייט פון דאַנען.

די אויגנווייסלען זיינען אָפּגעשלאָגן
אַנטקעגן פינסטערניש פון פרעמדע ווענט,
און ביטער איז דער ווינט וואָס האָט פאַרטראָגן
דעם אָנדענק פון די לאַנגע, דאַרע הענט.

אַ שלאַנקער אָדער ווי אַ דאָרן ברענט.
אָ, ווי אַזוי קען איך זיך איצט דערמאַנען,
אַז כ'האָב דיך דעמאָלט קוים געקענט
און איצטער ביזטו אַזוי ווייט פון דאַנען.

נאָר אפשר וועט אין פלאַקער פונעם דאָרן
זיך אויסשיילן דיין שוואַרצע הויט,
און ווי אין פעלד אַ ברוינער פּאַס פון קאָרן
וועסטו אויפלויכטן אין מאָרגנרויט.
און דו — פאַרגעסן אין דיין צאָרן,
און איך — פאַרגעסן דו ביזט טויט.

איך ווייס: מיר האָבן ניט גערעדט
און טויזנט ווערטער זיינען אויפגעשוואומען
אין יעדן שמייכל, ביטערן און קרומען,
אין יעדן קנייטש האָט ווילד געלאַכט אַ שד.

ווי אַזוי האָסטו געקענט דעם קאָפּ פאַרוואַרפן
און וואָס כ'האָב דיר געגעבן — נעמען, נעמען?
דאָס קלאָרע לייב, די שיין פון די אויגן, די ציטערדיקע ברעמען,
און טיף אין האַרץ אַ גליטשיק מעסער שאַרפן?

די בלויע אָדערן, פֿאַרצויגן קרום און דין,
די בלישטשענדיקע ציין, דער ברוינער שטערן,
פֿאַרלאָפֿענע אויגן ווי ביי ווילדע בערן,
דער גלאָזגעשליפֿענער און שפּיצעכדיקער קין,
דער גלאַנצנדיקער קופּער פֿון דיין לייב,
די פֿלאָנטערדיקע, האַרטע פֿלעכטן,
דאָס גליענדיקע פֿלייש פֿון ווייב
אין ווילדן ווילן צו פֿאַרקנעכטן,
און נעגל, וועלכע שניידן רויטע קאַרבן
אין ווילדן ווילן צו פֿאַרדאַרבן.

ווי אַזוי האָב איך זיך דעמאָלט אויפֿגעכאַפּט
אויף האַרטער ערד און ביי אַ פֿרעמדן פּלויט?
אַ קראָ האָט מיט די פֿליגל ווילד געקלאַפּט,
אַ וואָלקן האָט זיך איבער מיר געגרויט.

פֿון וואַרימע פֿיר ווענט, פֿון ווייכן איבערבעט
איז בלויז אַ שווערער טשאַד פֿאַרבליבן.
אַ פֿאַסטוך האָט אַ טשאַטע קי געטריבן
און שטילערהייט צו זיך אַליין גערעדט.

וואו זיינען דיינע האָר, די אויגן און דער שטערן?
איך קען זיך ניט, איך קען זיך ניט דערמאַנען.
ווי שנייען האָט דער ווינט פֿאַרווייעט
דיין אָנדענק און דיין פּנים ווייט פֿון דאַנען.

# פאַר אַלע נאַקעטע זאַכן

פאַר אַלע נאַקעטע זאַכן: דער געדאַנק
איבער אַלע טורעמשפּיצן ווי אַ דימענט —
זון, לבנה און שטערנשטויב,
די אויגנווייסלען ביי איינער וואָס איז קראַנק,
איר הייסע טרערנקראָפּליע אויף דער שויב,
אירע פּלאַטשיקע בריסט, ווי קראָפּיווע בלעטער
אויף שטומע גריבער:
פראָסטרויזן און טויטנפּיבער.

פאַר אַלע נאַקעטע זאַכן: דאָס אויסגעוואָרצלטע וואָרט
וואָס שפּאַנט הפקר און אויפגעדעקט,
גליט ווי די שאַרף פון האַק אויף ביימערקאַרבן,
ווי די זון וואָס וועט קיינמאָל ניט שטאַרבן.

פאַר אַלעמען, פאַר אַלעמען: די רויז
וואָס בליט אין דיין זעכצניעריקער שויס.

## די לבנה בלייבט שטיין איבער אַ הויז וואו אַ מיידל שטאַרבט

אָ וויפל דעכערשפּיצן האָבן די לבנה באַהאַלטן?
וויפל הערצער בלייבן שטיין און אין איין האַרץ אַ קאַלטן
גייט אויף דער פלאַם
פון פערלמוטערנעם קאַם
העכער אַלע דעכער און הייזער.
אויף צוועלף רוט דער טונקעלער ווייזער
און די לבנה — יאָגט.
דער מיידלס האַרץ שלאָגט
צוועלף און — אויס.
און די לבנה בלייבט פּלוצים
שטיין איבערן הויז.

# אַלטע מיידלעך

אַלטע מיידלעך ביי ראַשיקע פענסטער פון קראָמען
טרויערן ווי געלגעוואָרענע בלעטער אין פאַרלעגענע אַלבאָמען.
טרויעריק די הייזער און טרויעריק איז אונטער זיי די ערד
און איבער זיי די אויסגעשפּרייטע, גליִענדיקע שטערנ־נעץ.
די הענט ווי האַרטע קאָפּיטעס פון פערד,
די קראַנקע אויגן גרינען ווי ביי קעץ,
און ווי צעהאַקטע, שמאָלע הייפּטלעך קרויט:
דאָס פּנים איז צעקאַרבט און געל די הויט.

נאָר אָפּגעהיט און דריבנע שטיל איז זייער טראָט
און אונטער זיי די טראָטואַרן זינגען,
ווען אַלעמען — די קראָמען און די מיידלעך — האָט
דאָס טונקלע מויל פון אָוונט איינגעשלונגען.

## ליד פון די אַלטע מיידלעך אין הימל

גאָט האָט אונדז גערופן זײַנען מיר געקומען,
ריינע ווי די ווײַסע לעמעלעך פון זינד.
האָט ער אונדז ווי אַ פּאַסטוך זיין סטאַדע אויפגענומען
און אונדז געצערטלט ווי אַ מוטער איר אײנאונאײנציק קינד.

און מיר זיינען געשטאַנען מיט אויסגעבלויטע אויגן,
עס האָבן זיך ווי פליגל געהויבן אונדזערע הענט.
און גאָט האָט זיך מיט ליבשאַפט אַריבער אונדז געבויגן —
זיין אָטעם האָט געהייליקט און געברענט.

דערנאָך האָט ער פון וואָלקנס די ווייסטע אויסגעקליבן
און אונדז אין ווייכע שאָף־פעל איינגעהילט.
זיינען מיר אויף אייביק שוין מיט אים פאַרבליבן —
אין די ווייכע, ווייסע וואָלקנס איינגעהילט.

# דאָס מיידל רעדט:

(א)

דאָס ייִנגל וואָס איך האָב אין חלום אויסגעזוכט
און אַוועקגעלייגט אויף מיינע שלאָפֿע בריסט
האָט מיך אַוועקגעוואָרפֿן ווי מען וואַרפֿט אַוועק אין מיסט
די צוגעפֿוילטע העלפֿט פֿון אַן איבערגעשניטענער פֿרוכט.
און איך וואָס האָב מיט מיינע שפּיצפֿינגער געגרייכט
דעם הימל, בין אויפֿגעשטאַנען און אַוועקגעגאַן.
אין אויסגעהוילטן אָונט האָבן אויפֿגעבלייכט,
ווי בלענדיקע טעלער פֿון פּאָרצעלאַן,
מיינע פֿלאַכע בריסט, און אין די אויגנגריבער
האָבן טרערן זיך געשטעלט.
און באָרוויס, נאַקעט און אין טויטנפֿיבער
בין איך אַרומגעגאַנגען אין דער וועלט,
אַרומגעגאַנגען און געזוכט, געזוכט
די אַנדערע העלפֿט פֿון דער איבערגעשניטענער פֿרוכט.

(ב)

אָ פֿלאָנטער אויף דעם דיקן קנויל
פֿון מיינע ביטערע און שלאָפֿע רייד,
פֿאַראַנקערט טיף אין אונדזער לייד
גרויט נאַקעט אויף, גרויט הויל
די גרויל פֿון פֿערציק יונגפֿרוילעכע יאָר.
אָ, שלאַנקע, קילע פֿינגער רייסן מיינע האָר
און בליטן פֿלאַצן נאָך אַ לאַנג־געגאַרטן רעגן
אויף ווילדע סטעזשקעס און אויף הינטערוועגן.
אָ ייִנגל שאַרף אויף מיר די שטומפּיק־יונגע ציין,
באַפֿעל דיין הייסן אָטעם מיך אַוועקצוטראָגן.
איך בין אַ הירשין, מיינע שלייפֿן שלאָגן
און מיינע בריסטן ווערן קליין און ווערן שיין.
איך בין אַ פֿולע פֿלאַצנדיקע טרויב —
קום הייב מיך אויף און רייניק אָפּ דעם שטויב.

# פאָרטרעט

פיר פיס הויך און אפשר העכער —
מיט וויפל וויניקער די ברייט?
דאָס פנים ווי אַ פאַרזיגלטער פעכער,
די שיך, די זאָקן און דאָס קלייד
פון איין קאָליר. און אָנגעטאָפטשעט־שווערע הענט
מיט דיקע אָדערן ווי יונגע, קרומע צווייגן,
אַ קאַרק — שוואַרץ און אָפּגעברענט
און שוואַרצאַפּלען וואָס שווייגן.
אַ צעשפּאָלטענע ליפּ און געציילטע ציין
און רויטע האָר אין האַרטע קרויזן —
אַלט, ביטער און אַליין,
איר מזל איז געבליבן שטיין
ווי אין אַן אַלטער וואַזע פאַרוויאַנעטע רויזן.

# קלאָגליד פון אַ פרוי אויפן טויט פון איר מאַן

(אָנדענק: מ. ל. האַלפּערן)

(א) ערשט נעכטן . . .

ערשט נעכטן האָסטו מיך געבעטן קניען
לעבן דיר און איבערלופטערן דאָס בעט.
איך האָב געזען ווי דיינע ליפּן גליען
און דיך געפּאָלגט און גאָרנישט ניט גערעדט.

דו האָסט געזאָגט: — ווי ליכטיק איז דיין שטערן
און מיינע באַקן האָסטו שעמעוודיק געגלעט.
און איך האָב אַזוי ליב געהאַט צו הערן:
— „מאָרגן וועל איך שוין אַרונטערגיין פון בעט.

מיר וועלן ביידע אין די אָוונטן שפּאַצירן
דורך פינסטערע אַלייען ביז אין פעלד.״
אָ, דיינע ווערטער האָבן אָנגעהויבן פרירן,
אין מיינע אויגן האָבן טרערן זיך געשטעלט.

אָ, ווי אַזוי האָב איך מיין פּנים ניט צעריסן,
אָ, ווי אַזוי האָב איך דאָס צוהערן געקענט,
און וויינען, לאַכן, קניען לעבן דיר און וויסן
אַז מאָרגן וועל איך בלייבן מיט די נאַקעטע פיר ווענט!

(ב) זי גייט דאָס ערשטע מאָל איינקויפן . . .

איך גיי אין גאַס. אַ פויגל זינגט,
און איבער מיר איז דער הימל בלוי,
און איינער צו דעם אַנדערן ווינקט
און שעפּטשעט: אָ, די אָרימע פרוי.

איך טראָג אַ קלייד פון שוואַרץ געוואַנט
און מיינע אויגן זיינען שטאַר.
דאָס קיישל פון דער לינקער האַנט
פאַלט פלוצים אַראָפּ אויפן טראָטואַר.

איך בייג זיך אָן און איך הייב עס אויף —
איבער מיר איז דער הימל בלוי.
איך הער ווי עטלעכע מענטשן אין הויף
שעפּטשען שטיל: אַ די אָרימע פרוי.

(ג) אַמאָל אין אַ נאַכט ווען עס געשען

איך וויל נישט אַרויסגיין פון הויז,
דאָ וויל איך בלייבן אַליין,
אין ווינקל אַזוי ווי אַ מויז —
מיט מיין אייגענעם געוויין.

איך וויל נישט וויסן פון ליכט,
זאָל אויף די פענסטער וואַקסן דער ברוד.
אַליין מיט מיין פינסטער געזיכט,
מיט די פינסטערע ווענט איז מיר גוט.

נאָר איינמאָל שפּעט אין דער נאַכט
וועל איך די שטילע גאַסן קערן
און הערן ווי די לבנה לאַכט,
זען דעם הימל פאַרפּלייצט מיט שטערן.

איך וועל אַרונטעררייסן דאָס העמד
און זיך אויפהענגען אויפן ווינט,
און אַוועקפליען אין דער פרעמד,
וואו מילך פון לבנה רינט

אויף די אַקסלען און אויף די הענט
און אין די טיפע מושלען פון די אויגן.
... פינסטער שטאַרן נאָך איצטער די ווענט
און די פענסטער זיינען שוואַרץ פאַרצויגן.

## (ד) זי באַגעגנט דאָס לעצטע מאָל איר געליבטן

ווער איז מיר באַגעגענט ווען מיין אָטעם איז שטיל געוואָרן
און מיינע שטעקשיך זיינען געבליבן אין זאַמד?
אַ קאַץ איז דורכגעשפּרונגען, אַן אויטאָהאָרן
און דאָס גרילצנדיקע פּאָרן פון אַ טראַם
האָט מיך ניט אויפגעוועקט. איך האָב פאַרגעסן
אין די ערשטע שעהן אַליין אַן דיר, אין די מעסלעסן
ווען טרויער האָט געאַקערט מיינע אָדערן ווי אַ קראָט.
איך בין געשטאַנען נאַקעט אויף דער גאַס, אָפּגעשיידט
פון אַלעמען, נאָר פון דער גרויסער פרייד
וואָס מען דערשפּירט אין אָנגעזיכט פון גאָט.
און גאָט געווען ביזט. דו ביזט געשטאַנען
אַנטקעגן מיר, געשמייכלט, גענומען מיין האַנט.
איך האָב דיך ניט געפרעגט פון וואַנען
דו קומסט און וואוהין דו ווילסט מיך פירן.
נאָר ווייל האָב איך געוואוסט אַז זאַלבענאַנד
וועלן מיר גיין ביז דאָס גראָז און די הענגלבלומען וועלן וויאַנען,
גיין ביז צום שמאָלסטן ראַנד
פון דער ערד און הערן דעם ווינט איבער אונדזערע קעפּ
און אויף די זויבערע שטעגן פון די שטערן
מיד אַנידערפאַלן און אַנטשלאָפן ווערן.

## אין דער פינסטער

וואו וואָרים בלוט איז אַריבערגערינען
אין דער פינצטערניש — האָב איך דיך געפינען.

איך האָב אויפגעציטערט ווען איך האָב געמיינט
אַז דו האָסט מיט קליינע טרערן געוויינט.

נאָר דיינע אויגנאַפּלען האָבן אויפגעבלויט
און שפּאַצירן געגאַנגען אַריבער מיין הויט.

# ערשטע בליטן

# ערשטע בליטן

דאָס איז געווען דער לעצטער אָטעם פון דער נאַכט
וואָס האָט זיך ווי אַ שוואַרצער פויגל אויפגעהויבן
און מיט אַ שפּיץ פון פליגל אָנגעקלאַפּט אין מיינע שויבן
און מיינע אויגן אָנגערירט און אויפגעמאַכט.
און צום באַגין מיין אויפגעוואַכטע ברעם —
ווי פון אַ שטילער שייד פון שטאָל צעטיילט,
ווי פון אַ טונקלער שאָלעכץ אויסגעשיילט —
צום קרוכלעם שטויב, צום סאַמעטענעם טוי,
צום גאָלדנאויפגעדעקטן שולטער פון דער פרוי,
צו אַלע בלויקייטן וואָס ווערן ליכטיק גרוי.

דאָס פאַלן ערשטע בליטן פון דער זון אַזוי,
מיט יינגער זיסקייט אויף די ליפּן, אויף דער צונג —
איצט איז די נאַכט אַ פרעמדע טונקעלע דעראינערונג.

# דעראינערונגען ביים קלאַוויר

(א)

קום, שמייכל, לייג זיך אין דער לענג און ברייט,
שפּאַלט מיינע אויגן אין זוניקע שניטן.
די סאָווע שרייט, דאָס וואַסער שרייט, דער הילך פאַרגייט,
די גרויסע פּאַווע האָט אירע טויזנטפאַרביקע עקן אויסגעשפּרייט,
די לבנה האָט דעם מילכוועג אויסגעמיטן.

אין געשליפענעם גלאָז די טויזנטפאַרביקע פּאַווע־עקן
שימערן שאָטנס און ליכט אַרום ביימער, אַרום זיך,
שלענגלען, וואַרפן זיך און שטרעקן
די טויזנט פאַרבן פון די פּאַווע־עקן, שפּרייטן און פאַרדעקן
די היפּערדיקע טריט וואָס שווינדלען גיך.

די לבנה איז ווייך, זייד, איבערגעריסן.
איך בין קליין, איינגעקאָרטשעט, מיינע שפּיצפינגער
זיינען אויסגענאָגט, די נעגל צעביסן.
די קלאַווישן קוקן פינסטער; גרינגער
ליכטיקער ווערט פּלוצים מיין געוויסן.

אויף וועלכן וואַלדוועג האָב איך זי דעמאָלט געפירט?
וויפל שטערן זיינען פון הימל אַראָפּגעשפּרונגען
אויף איר קאָפּ? די לבנה האָט מיינע ליפּן אָנגערירט.
די סאָווע שרייט, דאָס וואַסער פרירט
און די טויזנטפאַרביקע פּאַווע־עקן קלינגען.

(ב)

אויף וועלכן וואַלדוועג זיינען מיר דעמאָלט געגאַנגען?
די שלייפן האָקן הייס, די האָר קריכן אויס,
דער שאָטן אויף דער וואַנט הענגט שווער און גרויס.
די קלאַווישן שליידערן טויבע קלאַנגען.

שפּרייט, גרויסע פּאַווע, דיינע טויזנטפאַרביקע עקן,
דער שטויב פון טויבע קלאַנגען וועט מיך איבערדעקן.

איך האָב דערזען דעם גרויען קאָרטשהאָר אויף דיין קאָפּ,
איך האָב געזען די סאָווע, איך האָב געזען דעם אַנטעלאָפּ,
איך האָב געזען די שטערן נידערן אַראָפּ, אַראָפּ,
און די רוישנדיקע וואַסערן האָב איך געהערט
און די זינגענדיקע ערד.
ווער איז דעמאָלט מיט אונדז מיטגעגאַנגען
און אויסגעווישט די אויגן וואָס האָבן געטרערט?
די קלאַווישן שליידערן ברודיקע קלאַנגען.

שפּרייט, שפּרייט, גרויסע פּאַווע, דיינע טויזנטפּאַרביקע עקן —
דער שטויב פון טויבע קלאַנגען וועט אונדז איבערדעקן.

# ליבעליד

ווערטער צייטיקן, ווערטער פלאַצן און צערינען —
נאָר ווי אַזוי וועל איך דאָס איינציקע גוטע וואָרט געפינען
וואָס זאָל אַריבערגיין דיין שמאָלע שוועל און זיך באַהאַלטן
אין דיין האַרצס צעפּערטלטע, געקרויזטע פאַלדן?
דאָרט וועל איך נידערן און ווי אין אַ נעץ פון שפּינען
פאַרלאָרן גיין און דעם וועג צוריק שוין קיינמאָל ניט געפינען.
אין גרויע פעלזנוועגט פון קיזלשטיין
האָב איך זיך אָנגעשלאָגן. אין טונקלע היילן
האָב איך באַגעגנט דיין געוויין.
וואו שווארצע ווינטערהימלען שיילן
זיך אין ווייס און בלוי, האָב איך געהערט
דיין רוף און זיך ניט אומגעקערט,
ביז איך האָב געגרייכט די ליכטיקע פאַסן פון דיין ערד.

איך וויל ניט וויינען און איך קען ניט שרייען —
נאָר ווי אַזוי וועל איך דאָס איינציק־גוטע וואָרט באַפרייען,
אַז ווי אַ זומערפויגל מיט געשפרענקלטע פליגל
זאָל איך פליען צו דיר
און עפענען דעם ריגל
פון דיין טיר?

ליכטיק האַרץ, אין דיין ליכטיקן גאָרטן, אויף דיינע ליכטיקע בייטן
וועט דער זומערפויגל זיינע געשפרענקלטע פליגל שפּרייטן,
און דער הימל וועט זיין גיטיק מיט ווייס און מיט בלוי —
אָ, ווי איך וויל אַז דו זאָלסט אויכעט זיין אַזוי!

## דאָס ליד פון געליבטן

אַנטבלויזט און נאַקעט ווי אַ שטראַל,
דיין פּנים — ליכט און לויטערקייט.
אַ ליכטיקייט ליגט ברייט אין זאַל,
די סטעליע און די ווענט אָפּאַל,
אין קיך, אין קעלער און אין שטאַל
רינט האָניק פון דיין ליכטיקייט.

דער ווינט אין דיינע שלאַנקע הענט —
לבנה אויף אַ בלומענבייט —
און טיף אין האַרץ אַ דאָרן ברענט,
פאַרשטעלט פון טויזנט שווערע ווענט —
אַנטקעגן טויט, אַנטקעגן אייביקייט.

און פאָרכטיקייט דערהייבט זיך שטיל,
אָן רויש, אָן ציטער, ווי אַ גריל
וואָס שפּילט זיך מיט אַ דאַפּאָדיל,
און האַלט זיך קוים און פאַלט
פאַר דיין געשטאַלט.

## צוויי לידער פאַר ל. ה.

(א)

איר שמאָלע, בלאַסע האַנט
ליגט גלעזערן אויפן לידערבאַנד.
די ברוינע הייטלעך אויף די אויגן
מיד און דינפאַרצויגן.
פיינלעכע פאַרלאַנגען גליען
אין די אָפּגעדעקטע קניען.
און די ליפּן ציטערן פאַרשלאַפט:
„נאָך איינמאָל פאַלט מיר אין דער שויס
די רויטע רויז — די ליידנשאַפט.‟

(ב)

שווערע בלומען האָבן זיך איבערגעבויגן
אין די בליענדיקע גערטנער — דיינע אויגן.
שלאַנקע שטענגלעך האָבן זיך צעבראָכן
אויף די טונקלע בייטן — דיינע באַקנקנאָכן.
דיין פּנים איז אַ בלומענזייגער,
די בלומען וויאַנען און בליען:
בלענדיקוויס, בלענדיק גרין
און שאַרלאַך־בליטן וואָס פאַרגליען.

# אונטער לאָדנס

— נו, נעם אַראָפּ דעם אויבערראָק
און זאָג פאַרוואָס דו ביזט אַזוי.
— צווייגן פראָסטיקן אין סאָד
און שטערן טויכן אויף אין בלוי.

דער שניי אין גאָרטן און אין גאַס
הויבט גרינג די שוועבנדיקע נאַכט.
איך בין געקומען און דו האָסט
טיר און לאָדנס באַלד פאַרמאַכט.

— איך פרעג דיך און דו ענטפערסט ניט.
— נו, זיי־זשע ניט אויף מיר אין כעס.
— האָסט אָנגעהויכט די גאַנצע שטוב
מיט שניי און וויכן בלענד פון גאַס.

איך האָב געגאַרט די גאַנצע צייט,
געוואַרט אָן אָטעם ביי דער טיר,
געשייערט האַרץ און ליכטיק לייב
וואַרטנדיק אַרויס אויף דיר.

— נו, זיי־זשע ניט אין כעס אויף מיר!

ווייסט כאָטש וואָס כ׳האָב דיר געבראַכט?
אוירינגען, אַ פּערלשטריק.
— אַ זאָג מיר שנעל אַ גוטע נאַכט
און קום שוין קיינמאָל ניט צוריק!

## עלנטע רויז

וויפל וועגן, לאַנען, ימען און טייכן
האָב איך דורכגעמאָסטן, עלנטע רויז,
און ניט געקענט געפינען און ניט געקענט דערגרייכן
דיין אָרים הויז.

וואו ביזטו געווען און וויפל זונען
האָבן זיך רויט געזעצט אין דיין טונקעלער שויס?
איך האָב געזוכט און דיך ניט געפונען —
עלנטע רויז.

## אונדזער צאָרן

אונדזער צאָרן איז גרויס.
אונדזער ליבשאַפט אַ רויז וואָס פאַרדאַרבט.
אונדזער צאָרן — אַ דאָרן
און די ליבשאַפט שטאַרבט.
און דער צאָרן קאַרבט
שניטן ווי בליטן אין שויס.

## אונדזער דאָס בלוט . . .

אונדזער דאָס בלוט, דאָס געזאַנג פון שטערן,
אונדזער דער האַרבסט מיט דער נאַקעטער שאַרף,
אונדזער דער ווינט, די צעריסענע סטרונעס פון זיין האַרף,
אונדזער דאָס בלוט און דער גאַנג פון טרערן.

אונדזער דער וואַלדוועג, די בלאָטע, דער רעגן,
אונדזער דער רוף: ס'איז גוט! ס'איז גוט!
אונדזער די קרומע און די בלינדע וועגן,
די וועגן וואָס פירן אין אונדזער בלוט!

# דער וואַלד פאַרשווינדט

## דער וואַלד פֿאַרשווינדט . . .

דער וואַלד פֿאַרשווינדט, אַלייען וואַקסן אויס,
קאַשטנביימער רייפֿן און עס רייפֿן צווייגן,
שווערע בלעטער דעמערן אין שווייגן
און ס׳שווייגט די זעטיקייט פֿון בּרוינעם קאָרן,
די דינע שטערן און דער דינפֿאַרשפּיצטער האָרן,
די שפּיצן פֿון דיביימער זיינען געל געוואָרן —
ווי עס געלט דער מאָך אויף אַלע זיינע יאָרן.

אַהינטער אים: אַ ווייסגעקאַלעכט הויז,
אַן אָפּגעציטערט קינד, אַ ווייב,
די אויסשיטרויזן אויף אַ נאַקעט לייב
אין געלן ציטער פֿון אַ ליכט.
די שלייפֿן ציען און די פּלייצעס ברעכן,
די פֿעלדער בליען און די שטערן שטעכן
און זאַנגען קניען פֿאַר זיין אָנגעזיכט.

## ל. מ.

ער גייט דורך פרעמדע שטעט
און איז אומעטום באַקאַנט.
ער מעסט די ברייט און לענג
פון יעדן לאַנד,
און קריצט זיין נאָמען אויס
אויף אַ בוים אָדער אויף אַ וואַנט
פון אַן איינגעפאַלן הויז.

און וואָס פאַרבלייבט פון אים
און וואָס באַדאַרף מען וויסן
פון אַן עלנט, פון אַ פרעמד געביין?
זשאַבעס וויינען זיין געוויין,
און די לבנה ווי ער — אַליין,
שווימט און דערמאָנט אָן אים.

## עפּיטאַף

ניט דאָס ווייב, ניט דער איינציקער זון
האָבן זיך געשוינט.
עלנטער ווי איצט האָסטו דעמאָלט געוואוינט
אין די שמאָלע קאַנטן פון זייערע ווענט —
מיט אויגן, אויערן און דינע הענט,
לעבעדיק און וואַך —
צו יעדן שאָרך, צו יעדן לאַך
פון זון, פון ווייב און פון דער נאַכט.

ניט דאָס ווייב, ניט דער איינציקער זון
האָבן געקענט דעם טרויער
פון אַן אָפענעם גרוב ביי אַן איינגעפאַלענער מויער.
זיי זיינען אַוועק און זיך געלאָזט מיטן ליפּעבוים,
מיט די כרת־באַרלעך, מיטן נאַסן ליים,
מיט די אַלטע קברים אויפן הייליקן באַרג
און מיטן גראָז וואָס וואַקסט נידריק, קאַלט און קאַרג.

# דער קאַליקע

דער קאַליקע וואָס האָפּט אַז גאָט
וועט ברענגען פרייד אין זיינע קני —
איז ווי דער ווינטערבוים וואָס האָט
שוין לאַנג פאַרגעסן אין זיין בלי.

אַ דינער שמייכל ליגט פאַרשטאַרט
אַרום די קנייטשן פון זיין מויל.
דער ווינטערבוים האָט אָפּגעדאַרט
און זיינע צווייגן זיינען הויל.

דאָס איינציק אויפגעפּראַלטע אויג
איז ווי אַ באַקעטער געשריי.
(איך בלייב ניט שטיין נאָר איך פאַרנויג
זיך און איך איל אים גיך פאַרביי.)

די וועלט איז האַרט ווי זי איז רונד —
דער ווינטערבוים האָט אָפּגעדאַרט.
און מיט זיין אָפּגעדעקטער וואונד
דער קאַליקע האָפּט אַלץ און וואַרט.

## דער קאַליקע זינגט:

טראָג מיך, ווינט, איך וויל פאַרגעסן
די ווייסע שערבלעך אין די אויגנגריבער,
דעם אָפּגעזעגטן פוס, דאָס שמאָלע שטיקל ערד
און די ביטערע געוויינען וואָס איך האָב געהערט
אין מיין אָרימער היים צווישן אָרימע שטיבער.

איך בין טויב און שטום און אויסגעריבנען
זיינען די אויגנווייסלען פון מיינע אויגן,
מיינע פינגער זוכן און וואָס זיי געפינען
האָט זיכער מיין טרויער אַריבערגעוואויגן.

איך בין טויב און הער מיינע פינגער זינגען,
איך בין בלינד און זע ווי עס פלאַמט מיין הויט.
איך שפּאַן ווי איבער אָנגעצויגענע רייפנרינגען
און הער ווי מיינע אָדערן שפּרינגען
און זע דאָס בלוט וואָס ריזלט רויט
אַ האַלבע רגע פאַרן טויט.

# מיט בלוטפּאַרלאָפענע אויגן

איך וויל זיך ניט באַרימען, איך האָב אַליין
געזען מיט מײַנע בלוטפּאַרלאָפענע אויגן
אַ זעכצניעריק מיידל אין אַ פּענסטערבויגן,
מיט באַקן — ציגלפאַרב און גרויער קיזלשטיין
די טונקעלע שוואַרצאַפּלען. און
ווי ליב איך האָב די זינקענדיקע זון
וואָס האָט מיין קאָפּ אַ גאַנצן טאָג געברענט,
איז ליבער מיר דאָס גרויע פּנים וואָס האָט אָפּגעבלענדט
צו זעכצן יאָר,
די זאָרגפעלטיק פאַרקאַמטע האָר,
איר פלאַכער שטערן און די וועלקע הענט.

# קעץ

װען אַ יונגע קאַץ פֿאַרגײט אין געװײן
װערן די גרינע אױגן פֿאַרלאָפֿן רױט,
די װײכע לאַפּקעס װערן האַרט װי שטײן
און אונטערן האַרצן פּאַכעט דער טױט.

און אַן אַלטע קאַץ מיט אַ פֿאַרטרוקנט מױל,
מיט פֿאַרשנירטע אױגן און אַ צעקראַכענער הױט,
צעיאָמערט זיך פּלוצים און װיל פֿאַרטרײבן
פֿון דער יונגער קאַץ די שרעק פֿאַרן טױט.

און די גאַס איז שטיל און דער הימל בלױ,
און די לבנה — קילעכדיק װי אַ טאַץ —
שװימט אינדערהױך און פֿאַרשװימט אַזױ
אין די פֿאַרלאָפֿענע אױגן פֿון דער יונגער קאַץ.

און די אַלטע קאַץ שפּרינגט אױף אין שרעק
פֿון שאַרפֿן בלענד — לבנה־ליכט —
און פֿון די רױטע אױגן בײ דער יונגער קאַץ
פֿאַלט אַ ליכטיקער דימענט אױף איר טױט געזיכט.

## לאה:

(א)

ווען זאָל זי שענקען איר ליד
וואָס רייפט ווי קירבעס אויפן פעלד
און לויפט אויף קראַליק־פיס צו אים
און געפינט אים ניט?

איר געליבטער איז ליכטיק
ווי דער ווייסער מילכשטרייף אויפן הימל,
און די ליבשאַפט רינט פון זיינע אויגן ווי זיסער זאַפט,
ווי שפריי־רעגן אויף געבענטשטער ערד.

ווען זאָל זי שענקען איר לייב
וואָס ברוינט ווי קאָרן
און שמעקט ווי בליטנשטויב?
זי איז אייביק אַליין
און וואַרקעט ווי אַ מילדע טויב,
און זעט ווי ער היט
איר שוועסטערס דריבנע, קינדערישע טריט.
ווען זאָל זי שענקען איר לייב
וואָס רייפט ווי איר ליד.

(ב)

זי האָט געוואוסט:
זיין אָטעם קילט און שמעקט ווי ווילדער גערשט.
זיינע פיס — ווי פיילן אָנגעשפּאַנט אין בויגן.
זיינע האָר שלעשטשען ווי די זאַנגען אויף איר פאָטערס פעלד,
און די אויגנדעקלעך גלאַנצן ווי וואַקס אויף צעשפּאָלטענער קאָרע.

דערפאַר האָט זיך איר האַרץ געוויגט
ווי דער צעצווייגטער בויםביים ברונים,
און ווען זי האָט ביינאַכט מיט בלאַסע, לבנהדיקע פינגער
אַוועקגעשאַרט דאָס ליילעך פון זיין צעלט,
אינמיטן פוסטן פעלד,
האָט זיך איר האַרץ אַ רגע אָפּגעשטעלט,
ווי דער ווינט אויף אַ שטילער בלומענבייט,
און די פּיסקנעכלעך האָבן אויפגעציטערט קוים
אין אויפגערוישטן שוים
פון קוועלנדיקער פרייד.

## דער גנב און דער חונף

ווער איז דיר ליבער, גאָט,
דער שלויער גנב וועלכער האָט
קיין מורא ניט פאַר טרערן פון דערשראָקענע קינדער,
דער כיטרע אונטערצינדער
וואָס לויערט פאַרן פלויט
און ברענגט פאַרלענדונג מיט און טויט?
און וועמען בענטערט מער דיין שנאה,
דעם חונף מיט דער שקרופלדיקער מינע,
מיט האָניק אין די רייד און אויגן וואָס גפעלן
מיט זייער אונטערטעניקייט די לייט אין פלירשענע פאַטעלן?

דעם חונף ליגט באַהאַלטן
דאָס פרעכע מעסער אין די אויגנשפאַלטן,
און מיט דעם סליבענדיקן סם פון זיינע ליפן
גליטשט ער זיין שפיז אַריין אין אַלע זיבן ריפן.

# דער מוסרניק און דער מקונן

דער מוסרניק קען זיין געזונט ניט שוינען
און אין אַ האַריק העמד מוז אומגיין דער מקונן.
די אויגן ווי ביי סאָוועס צווישן צווייגן
און ווי די קראָען קענען זיי ניט שווייגן.
די שנאה שינדט די פנימער מיט מעסער־ריסן
און פינסטערניש האָט זיך אין זייערע שטערנס איינגעביסן.
די הענט ווי ביי סטראַשידלעס, די פיס ווי רידלען,
די סלינענדיקע מיילער שילטן נאָר און זידלען,
און ווייל זיי האָבן ווערטער צו פאַרשווענדן
ווערט זיי גאָט ייִנגערהייט פאַרלענדן.

# ווידערגעפּיל

די זון הויבט אָן בליען, דער גופּל צערינט,
מיין מאַנטל ווערט שאַרלאַך און פלאַטערט אין ווינט,
און רוישנדיק וואַלד יאָגט דאָס בלוט אין מיין קאָפּ
און לויפט אין געיעג מיטן אַנטלאָפּ.

מיין פּנים בלייבט רואיק, מיין פּנים איז שטיל —
נאָר עס שפּראָצט אינעם האַרצן אַ ווידערגעפּיל
צו אַלץ וואָס איז גוט, וואָס איז ליב מיר און טייער:
שטויביקע טרונעס גייען אויף אין פייער.

# מאַגישע לאַנדשאַפט

## מאַגישע לאַנדשאַפט

גרייז גרוי ייִנגל, פון דרימל אויפגעשטאַנענער
ריפּ וואַן ווינקל, מיט די פאַרשטויבטע וויִעס —
מיט דיר, נאָך דיין אויפגעוואַכטן קלאַנג,
נאָך דעם אויסגעהוילטן ליכט פון דיין שטערן:
גיין, בלאָנדזשען, הערן
דעם גאָלדענעם רויש פון דיין נידערגאַנג
וואָס איז ניט מער, און ברענט
אין ווייכן אָפּגלאַנץ פון אַ טרער.

ענגע קלאַמערן פון בלוט, קאַמערן פון שפּינגעוועבס,
נאַכטיקע גאַסן, גאַרנדיקע פינגער פון אַ קרעבס —
דאָס אַלץ האָסטו איבערגעלאָזט אין שלאָף.
מיך פירסטו איבער דרימלענדיקע בערג,
אויף געשוואָלענע אָדערן פון פעלדער, איבער
אויסגעטליעטע, פינסטערשטאַרנדיקע גריבער —
מיט פאַרשטויבטע וויִעס צוגעדעקט.
גרייזגרוי ייִנגל, פון דרימל אויפגעוועקט,
מיט בלאַסן זילבער פון די קאָסעס
וואָס האַלבן דיינע אויגן —
שנייד גאַסן, פעלדער, בערג:
דאָס כוואַליענדיקע בלוט האָט פייער אַריבערגעוואויגן.

# שפעט האַרבסט

דער הימל אָנגעפּוישט און קאַלט.
אין וואַלד — אַן איינגעהויקערטע געשטאַלט —
אַ באַביצע שטעלט טיפגעקאַרבטע טריט.
דעם פּאַסטוכס ליד
קלינגט הייזעריק אין אירע אויערן.
אַ טייכל זינגט. די ביימער טרויערן.

אַ בלעטל נאָך אַ בלעטל פאַלט
און גאָט פּאַרציט אַ שוואַרצן שטריק איבערן וואַלד.

# צו דער בלויער בלום

„אַפּילו אין סאַמע שענסטן קענצייכן פון דער ראָמאַנטיק, די בלויע בלום, זע איך אויך ניט מער ווי דאָס געל און גרינע מויל.״

(א)

עפן, בלויע בלום, דיין געלגרין מויל צום קרייז פון שווינדלענדיקע הייסעריקן,
צום זינגענדיקן וואַסער וואָס אײַלט פאַרביי און וויל ניט בלייבן שטיין,
צו די שפּינען וואָס שפּרייטן גליקן אויף זײַדענע בריקן
און צו דעם זומערפויגלס געפּינטלטע בליקן.
דאָ, וואו דו מיינסט אַז דו ביזט אין דיין אויסדערוויילטקייט אַליין
און צווישן אַלע בלומען איינע וואָס איז שיין —
בלויע בלום, איינגעקאַרטשעט, טרוקן, קליין —
ווייס, אַז דאָרט וואו ס׳איז דיין בליטנשטויב פון פאַראַיאָר,
דיין אָפן מויל, די געל און גרינע ציין,
מיטן ביטערן ווינט, מיט זיין האַרבסטיקן געוויין
וועסטו גיין, ווען די קריכפלאַנץ וועט מיט שקרופלבלעטער דיך פאַרדעקן.

(ב)

די טרוקענע ביימער קאָרע ווייסט אַז האַרבסט, דער האָר,
קומט אין טיפע שטעקשיך, אין אַ שאַרסטקע פּעניואַר.
די טייכן שניידן קאַרבן וואָס שווינדן גיך,
די סאַרנע יאָגט און די ווילדגאַנדז געזעגנט זיך.
איצט, בלויע בלום, קום איך צו דיר און זוך דיין געלגרין מויל —
מיין פרוי איז מיט מיר, אירע אויגן זיינען גרוי, אירע האָר זיינען שוואַרץ ווי קויל
און אין טויבן רויש פון ווינט פאַרלירט זיך איר געלעכטער.

אַ טונקל קוילנשטעקל פון דערמאָנונג איז דער איינציק געבליבענער
וועכטער.

— „קום“ — דאָס זאָגט מיין פרוי — „וועסט גאָרניט געפינען,
אַט פלאַצט די לעצטע זיידענע בריק פון די שפינען.
ס'איז קאַלט און איך וויל ניט זיין אַליין.“
פון פריערדיקן געלעכטער ווערט געוויין.
איך ענטפער ניט. איך זוך דיין געלגרין מויל. איך בין שטום
ווי דיין געדעכעניש, אַ בלויע, בלויע בלום.

(ג)

וואָס איך האָב מיטגעבראַכט ווען איך האָב זיך אומגעקערט?
וויינט אין די אויערן, אויגן וואָס האָבן געטרערט.
— „און וואָס דו האָסט געזוכט?“ — דאָס האָב איך ניט געפינען.
— „אַ סטעזשקע פייכטע ערד, אַ בלום ליגט דיר אינזינען!“
(אָ, האַרבסטיקע ערד, אין דיינע פינסטערע שפּאַלטן
ליגט דאָס געלגרינע מויל פון דער בלויער בלום באַהאַלטן!)
— „פאַרוואָס ביזטו שטיל, פאַרוואָס רעדסטו ניט?“ — דאָס פרעגט
מיין פרוי.
איך קוק אויף אירע קוילשוואַרצע האָר, איך זע אירע אויגן
וואָס זיינען ליכטיק־גרוי.
(אָ שמאָלע סטעזשקע ערד מיט געפינטלטע פלעקן,
די שטאַרע פינגער פון דער קריכפלאַנץ וועלן דיך פאַרדעקן.
אָ בלויע בלום, דער ווינט וואָס האָט דיין שטויב אויף מיין שטערן
אויסגעשפּרייט,
שפּילט אויף אַ געשפּאָלטענעם פידל, אויף אַ צעבראָכענער פלייט!)
מיין פרוי מאַכט צו די פענסטערלאָדנס, לעשט אויס דאָס ליכט
און זאָגט: — „אין דער פינסטער זע איך ניט דיין טרויעריק געזיכט.“

# ניט בלויז איבער מיר

ניט בלויז איבער מיר ווען דער שטורעם רוישט,
ווען די וואָלקנס הענגען שוואַרץ און אָנגעפּוישט —
אויף די בערג ליגט דאָס גראָז נידעריק און קאַלט
און די פלאַכטעס מאָך אויף די ביימערקאָרטשעס אין וואַלד
זיינען ווי איבערגעוואָקסענע שוואָמען אין רעגן,
און די באַביצע וואָס בלאָנדזשעט אויף די וועגן
אין אַן אויסגעבעטלטער קאָלדרע און אין זעק —
ניט בלויז איבער מיר גייט אויף איר שרעק
און דאָס שטומפּיקע קריצן פון אירע צוויי פאָדערשטע ציין.
ווען עס הייבט אָן דונערן און בליצן
ליגט זי איינגעקאָרטשעט אונטער אַ שטיין
און ציטערט אין קעלט און אין היץ —
און ציילט איעדן דונער און ציילט איעדן בליץ.

איר לייב איז אויסגעווייקט און די אָדערן ביי אירע אויגן
זיינען ווי דינע דרעטלעך — שטייף און אָנגעצויגן.
אין אירע נאָסע, ברודיקע האָר פלאַטערט דער ווינט —
און דער רעגן רינט.
און ליגנדיק אַזוי אַן איינגעקאָרטשעטע אונטער אַ שטיין —
ווערט זי איינגעשרומפּענער און ווי אַ פּוילערוילע קליין.
די אויגן ווערן מוטנע טייכלעך, ריקעלעך די הענט
און די בלויע אָדערן וואָס האָבן אויף איר לייב געברענט
ווערן קאַלט, ווערן וואַסער, ווערן קויט —
די באַביצע איז טויט.

# שטומער בוים

(י. גלאַטשטיינען)

וואו איך האָב אַ טריט געשטעלט, וואו איך האָב דעם רוקן אָנגעשפּאַרט,
וואו איך האָב פאַרזוכט די גרינע גאַל אין אַ קרומער מינע,
וואו איך האָב אַ שמייכל אויסגענאַרט,
וואו איך האָב געוויינט, געלאַכט און געוואַרט
און וואו איך האָב געהאַנדלט מיט מיין אייגענער שנאה.

אָ, שטומער בוים, אַנטוואָרצל זיך און אָטעם אויף,
צעשנייד די דיך, די אָפּגעוועלקטע קרוין, אַנטלויף!
דער ווינט ווייַנט בלוט אין דיינע הענט,
די זון האָט דיינע אָדערן אויסגעברענט.

איצט בין איך דער בוים וואָס האָט אָפּגעדאַרט,
אַן אַלטע פאַרוואָרפענע האַרף וואָס וואַרט
אויף שמאָלע, שלאַנקגעוואָקסענע פינגער.
איך בין דער ייִנגער מאָלערגעזעל
וואָס ווייַנט פאַר אַ פאַרוועלקטער אַקוואַרעל
און ווייסט אַז וועלק זיינען זיינע פאַרבן.
איצט בין איך ווי פלאָבער
וואָס איז אַ צוואַנציקיעריקער
אַוועק קיין קאָנסטאַנטינאָפּל שטאַרבן.

## מאָמענט

ער וואָס איז געווען אויסגעשפּיגן,
פאַרהאַסט פון אַלעמען — און פרעמד
פאַרבייגעגאַנגען און געשוויגן,
געפילט די טונקלע קילקייט פון זיין העמד,
די האָר וואָס ליגן
האַרט געקרויזט און ווילדגעקעמט —
האָט פלוצים פאַר זיין דינעם שאָטן זיך פאַרשעמט,
נאָכגעלאָזט די הענט און אויפגעהערט די אַקסל וויגן,
די שמאָלע קאָלטע אַקסל וויגן.

און ווי דער שאָטן וואָס האָט בייז געשטאַרט,
האָט די פיבערדיקע, דינע לענג געוואַרט,
געוואַרט, געוואַרט און געהערט
דאָס אייגענע בלוט אין די פיר איילן ערד,
געהערט דעם ווינט
וואָס האָט די גאַס געקערט
און ביי דעם אייגענעם שאָטן
אויפגעהערט.

און ער וואָס איז ביז איצט געווען אויסגעשפּיגן
און זיך געשעמט
פאַר זיין אייגענעם שאָטן, פאַר דער קילקייט פון זיין העמד,
פאַר די שוואַרצע, שמאָלגעפּאַסטע הויזן
און פאַר די אייגענע פאַרהאַרטעוועטע קרויזן —
איז פלוצים אויסגעוואָקסן אין זיין אייגענער געשטאַלט
און אויפגעגאַנגען ווי אַ וואונדערלעכער ניגון.
און איבער אים, דער הימל — שוואַרץ און קאַלט,
און אונטער אים האָט זיך די ערד גענומען וויגן.

## ווענן צווייגן, אויגן און די גרינסטע שפּין

אַוואַדע טראַכט איך מער ניט פֿון
די גרינע צווייגן אין דער זון,
פֿון וואָרים און פֿון היישעריק,
פֿון ווערבעס ייִנג און וויגנדיק
זיך גרינג אין אויפֿגעגרינטער פֿרייד
ווי שוים אויף טייכן אויסגעשפּרייט.

איך טראָג די אַקסל דינפֿאַרשפּיצט,
דאָס היטל אויף דעם שטערן זיצט
פֿאַררוקט און אָפּגעריבן־אַלט
און סטאַרטשעט ווי אַ פּניאַק אין וואַלד,
און ביידע פֿיס זיך שלעפּן קוים
ווי שפּינגעוועב פֿון בוים צו בוים.

נאָר מיינע אויגן, וואַך און גרין,
פֿאַרטונקלען גרין די גרינסטע שפּין.

## אין גרינעם מאָך פון ווינט

איך קען ניט איבערטרייבן,
איך מוז עס זאָגן פּראָסט:
פון מיר וועט איבערבלייבן
בלויז שטויב וואָס האַרבסט פאַרבלאָזט.

אין מיינע אויגנלעכער
וואו ס'האָט מיט וויי געוויט,
דער ווינט פון אַלטע דעכער
האָט גרינעם מאָך געשפּרייט.

איך זע שוין ניט די שטערן,
דער מילכוועג צערינט
אין הייסן פלוס פון טרערן,
אין גרינעם מאָך פון ווינט.

# מאַקבעט

מאַקבעט, ביים פינסטערן טורעם, וואו שלייכסטו
מיט שכורע טריט און מאָרד אויף די בלוטיקע פינגער?
וועמענס שאָטן — און דער מאַנטל שאַרלאַך,
און די לבנה טריפט
גרינעם גיפט
אין דיינע אויגן, אין דיינע האָר,
אין דיינע אָדערן און מוילווינקלען.

מאָרד שלייכט אויף גרינע פיס
און פון זיינע פלייצעס דער הויקער
גרויט די ווענט כאור הבוקר,
און דער ווייַן ביטערזיס, ביטערזיס,
רינט אין קאָפּ און אין די שמאָלע פינגער
פון זיינע הענט און פיס.

# אַנטלויף פון דער לבנה

אַנטלויף פון דער לבנה —
מייד זי אויס.
אין איר שיין וועסטו וויאַנען
ווי אַ פאַרדאָרבענע רויז.

ווי אַ רויז וועסטו קרענקען,
ווערן בלייך און דאַרבן.
פון צופיל בענקען
וועסטו יינגערהייט שטאַרבן.

די לבנה וועט טריפן
מאָכיקן גיפט.
אין דיינע קנאָכיקע טיפן —
הער ווי עס טריפט.

באַהאַלט דאָס פנים,
די אויגן פאַרמאַך.
הער: די לבנה
האָט זיך פריעך צעלאַכט.

# רעפריין

אָ, דאָס איז ניט קיין פרעמד געוויין,
דער רויש פון פליגל, פון וויאַנענדיקע בלומען —
אַן אויפגעקוואָלענער רעפריין
האָט מיך פלוצים דורכגענומען.

אַ שטאָלצע ווילע און אַ האָפנברעג —
גלעזערן די פלאַך פון טויטן טייך —
און נאָדלביימער ביי בײדע זייטן ברעג
וואַקסן שלאַנק און רייך.

ייִנגע פרויען אָנגעטאָן אין גרין
מיט פערלקאַמען אין די טונקלע קרויזן —
שפּאַצירן שלאַנק און שטאָלץ,
שפּאַצירן ציטערדיק און דין,
און ייִנגלעך אין סאַמעטנגעפּאַסטע הויזן,
ווי שמאָלע שאָטנס אויף אַ הויכער וואַנט,
פאַרלויפן און פאַרנייגן זיך גאַלאַנט —
און אין אַיעדנס אויסגעצויגענער און בלייכער האַנט:
אַ שווערער קראַנץ פון אָנגעצונדענע רויזן.

אָ, דאָס איז ניט דער שאַרך פון זייד,
פון האַרטגעהאָפטענעם בראָקאַט, פון דורכזיכטיקן קרעפּ.
אַ דאָס איז ניט דער האַרבער ווינט וואָס שרייט,
וואַכט אויף אין גראָז און לייגט זיך אויף די טרעפּ!

אָ, אפשר שפּאָלט דעם טייך אַ שאַרפגעצילטער שטיין
און אפשר קוואַלט פון טיפפאַרבענקטע אויגן אַ געוויין?

# גוטע לייט, אײדעלע לייט

(א)

איך וויל איר זאָלט פֿאַרצייכענען, געדענקען
און אויפֿבאַוואָרן ווי אַ לעצטן שטראַל:
דער אָדלער מיידט זיין נידערפֿאַל
און שניידט זיין שאַרפֿסטן קרייז איבער דער ערד
און וויל זיין לעצטן אָטעמהויך ניט שענקען
דעם יעגערס ביסטרע אויג. איבערגעקערט
זינקט ער, נאָך ווען דער ווינט וועט אייביק בענקען.

איך בין ניט קיין אָדלער, נאָר פֿון אייערע אויגן דער שרויט
וועט ניט גרייכן די נאָענטע פֿיר איילן צו מיין הויט.
מיט מיינע שאַרפֿע פּלייצעס האָב איך איבערגעשניטן
דעם רוים און געבליבן הענגען אינמיטן
פֿאַלן. זעט, דער הימל האָט אויפֿגעבלויט
אין מיינע אויגן. אין אייערע פֿינסטערט קויט
און דער שטויב פֿון טרונעס און דער שטויב פֿון טויט.

(ב)

איצט בליט דער בעז, אָדער פּאַרקערט,
האַרבסטיקע שטרויפּייערן פלאַקערן אויף דער ערד.
דער לעצטער זומערפויגל שערט די לופט, ווינטן קנאַלן
און רויטע בלעטער טראַסקען פּאַרן פאַלן.
לאַנגע רעגנס קומען, פעלדמייז שטאַרבן —
ווער שניידט די קאָרע, ווער האַקט די קאַרבן,
ווער זייעט פינסטערניש, ווער שפּרייט
זי אויס אויף לעבעדיקע זאַכן, ווער באַלייט
דעם ווינט וואָס ציט פון בוים און גראָז דעם לעצטן אָטעם אויס?

גוטע לייט, איידעלע לייט, אייער טרויער איז גרויס
און אייערע אויגן זיינען איבערגעלאָפן מיט טרערן —
ווייסט, דער ביטערער ווינט וועט אייך פּאַרקערן
פון מיין שוועל, צוזאַמען מיט די בלעטער און דעם לעצטן שטויב,
ווי אַ גיריקע חיה וואָס באַפאַלט איר רויב.

## דאָס פלייש איז טרויעריק . . .

פון טויזנט ווערטער וויפל וועלן מיך דערמאַנען?
וויפל זיסע ווערטער וועלן ווערן ביטער?
וויפל וואַרטן אויף דער קאַלטער שאַרף פון שניטער
און וויפל קאַטעוועז דאָס לייב ווי ריטער?
דאָס פלייש איז טרויעריק און אַ ל ע ווערטער וויאַנען.

# ייִנגל

אַ שלאַנק ייִנגל גייט
מיט האַלבגעבראָכענע קניען.
ביטער דער ווינט וואָס ווייט
און שוואַלבן ציען.

אין ווילדפרעמדע שטעט
זייערע פליגל הויערן —
ווי אַ געבעט
אין דעם ייִנגלס אויערן.

— גאָטס גנאָד מיט מיר
און ער ביי מיין זייט.
היילונג ביי זיין טיר
איז אָנגעגרייט:

צוויי לאַבנס ברויט,
זאַלץ און אַ קלייד.
. . . דער הימל ווערט רויט,
די זון פאַרגייט.

און דאָס ייִנגל גייט
און הויך זיין קאָפּ.
ביטער דער ווינט וואָס ווייט
פון די ביימער אַראָפּ.

# דער טאָג פֿאַרגייט

דער טאָג פֿאַרגייט —
אַ לירישׁ האַרץ.
איך בין די צויבערפּלייט
מאָצאַרטס.

די לופֿט ווערט שאַרף.
איך בין דעם ווינטס
פֿאַרזשאַווערטע האַרף.
איך בין דער פּרינץ,

וואָס וואַרט, געבויגן,
פֿאַר דיין שוועל.
גיב דיינע אויגן
דעם דיכטערגעזעל.

גיב דיין האַרץ,
אַ שטרויכלענדיקער ווינט.
ביידע זיינען שוואַרץ
ווען דער ווינט צערינט.

## דער יונגער וועכטער רעדט:

אַיעדער בוים אין ווייסן,
און פרעמדע פינגער רייסן
דעם ווייסן צווייט
וואָס פאַלט מייד
און אונטערטעניק.
און וויפל איך היט,
און וויפל איך היט —
איז ווייניק.

# וואָרט און טאַט

ס׳איז ניט נאָר דאָס וואָרט וואָס בענקט אַהיים
און ווערט פאַרלאָרן אין זיין צוריק־קער,
אַזויווי אַ קערן אין פייכטן ליים —
נאָר ניט דאָס וואָרט איז איצט דער עיקר.

עס איז די טאַט וואָס ווי אַ שווערט
לויערט שטענדיק אונדז צו קעפן,
און נאָך איר אויף דער קראַנקער ערד
מוזן מיר זיך אייביק שלעפן,

זען דעם גליענדיקן שראַם,
די זון, אויף זינקענדיקע זומפן,
און די לבנה — ווי אַ לאַם —
אויסגעצערט און איינגעשרומפן.

און נעבנטער, נעבנטער קומט די טאַט,
די שווערט פאַלט אויף די הייסע גלידער.
די שטערן שרייען אויס: פאַרראַט!
און פאַלן טויטע אין דער נידער.

## באַלאַדע פון מידע ווערטער

איך בין ניט מיד — דאָס בוך איז מידער.
די זילבן שטאַרן מיט אָפענע אויגן.
אין גריינעם נעפל ווי שכורע גלידער
דרימלען זיי איין. דאָס וואָרט איז מידער.

דאָס איז אַ פעלד מיט טרוקענע זאַנגען.
אַ זילבערנע קאָסע איז שפּאַצירן געגאַנגען
און איבערגעלאָזט צעשניטענע גלידער.
אַ רויטע לבנה איז איבער זיי געהאַנגען —
שווער און מיד. דאָס בוך איז מידער.

די נאַכט האָט געהיימע צייכנס געשריבן.
דער ווינט איז געקומען, זיי אויפגעקליבן,
ווייטער געגאַנגען און שטיין געבליבן
אַ מידער איבער דעם בוך פון לידער.
דער ווינט איז מיד. דאָס בוך איז מידער.

איך בין די קאָסע, איך בין דער ווינט.
— ווער האָט די לבנה איבערגעשניטן? —
איך בין דער שכורער נעפל וואָס גרינט.
דער טרויעריקער פאַסטוך האָט מיך ניט אויסגעמיטן.

דער פאַסטוך ציט די פאַרשלאָפענע גלידער.
איך בין ניט מיד. דאָס בוך איז מידער.

# צו אַ דיקטער

ווייס אויף וועלכן שליאַך דו האָסט געשטעלט דיינע יונגע טריט
און וויפל גרין פון גראָז און בוים און וויפל בלוי
פון הימל איז אין דיינע אויגן איינגעפּאַסט.
ווייס, די לבנה איז דיין ליד,
דער שנייאיקער מילכוועג דיין געליבטע פרוי
און ביי די שטערן ביזטו מערער ווי אַ גאַסט.

ווייס, דיינע ערשטע אומזיכערע טריט
זיינען געווען וואו די לבנה בליט
און עפנט זיך אַיעדע נאַכט
פאַר דיר, און וואו דער מילכוועג לאַכט
האָסטו די אויגן פון ערשטן דרימל אויפגעמאַכט.

וואו ביזטו איצט? אויף וועלכע שטרויכלוועגן
פירט דיך דיין ליד? וואו זשאַבעס שרייען, גרילן זעגן
און שטערן ווי פאַלנדיקע בליטן רעגענען —
וועסטו דיינע יונגע טריט אויפסניי באַגעגענען.

# אַ וואָרט, אַן אות . . .

„דאָס פֿלייש איז טרויעריק . . . ״ הייבט אָן אַ ליד וואו מאַלאַרמיי.
דאָס פלייש איז טרויעריק, דאָס האַרץ טוט וויי.
דער וועלקער לאָרבער צווישן בלעטער פון אַ בוך
שמעקט מיט אַ בייזן און פאַרשימלטן גערוך.
ווי האָט דאָס האַרץ געבליט, ווי האָט דער טרוים געגרינט!
איך בין געווען אַ זעגלשיף אין וויגנדיקן ווינט,
געיאָגט פון שוימבאַשפּריצטע פליגל פון דעם אַלבאַטראָס.
וואָס איז דאָס אַלץ אַצינד? אַ וואָרט, אַן אות
אין שטויב־באַדעקטע ביכער אין דער ביכער־ריי.
„דאָס פלייש איז טרויעריק״ — פאַרענדיקט מאַלאַרמיי.

## לייענענדיק רילקען

דער וועג איז גאָלד און גאָלד דער שיין
וואָס ווייזט דעם וועג אין וואַלד אַריין.
איך בלייב שטיין ביים ברעג פון וואַלד
און פיל די טרער וואָס ברענט און פאַלט
און — גיי ניט מער.
ס'איז איצטער נאַכט און טונקל און שווער.

נאָר עס ציט מיך ווייטער און איך זוך.
און פון די בלעטער פון דעם הייליקן בוך:
קלויסטער־גלעקער קלינגען
און ווינטן ווייען ביטער,
שטערן שפרינגען
און עס גייען שטאָלענע ריטער,
בלייכע נאָנעס און שוואַרצע ריכטער
און פאָרויס — דער דיכטער:
ראַינער מאַריאַ רילקע.

און דער וועג איז גאָלד,
דער שיין ווערט הייטער.
און איך גיי ווייטער,
און איך גיי לויטער —
ווי דער גאָלדענער שיין —
אין וואַלד אַריין.

## זישא לאַנדוי׳ן

די זון איז אויסגעריבען און נאַכט האָט אויפגעפּראַלט,
אַ פּאַסטוך האָט געשפּונען זיין פליטענליד אין וואַלד.
די האַרנטע אין געלן אין מיטן הימל פּעכט
מיט שפּיזן וואָס באַפּעלן די שטערן, אירע קנעכט.
ווי מילדע שאָף און רינדער, פאַרבלאָנדזשעטע אין פעלד,
די שטערן שרייען אין דער פינסטערניש און קעלט:
— אָ גאָט, שענק אונדז אַ בליק פון דיין ליבן אָנגעזיכט,
אַ שטראַל וואָס קומט צוריק פון דעם האַפּן פון דיין ליכט.
נאָר שטראַלן וואַרפן ריטער מיט גיפט אויף אונדזער לייב.
אָ שטערן, ציטערט, ציטערט, אָ האַרנטע, פאַרטרייב
די האַרטגעקרויזטע ריזן וואָס לויערן געדיכט
און שאַרף אויף זיי די שפּיזן פון דיין אָנגעזיכט.

גליט לויטער, לויטער, בליטן, אין הימל פון בראָקאַט —
דער ווינט האָט איינגעשניטן זיין ליד אין יעדן בלאַט.

# פינסטערע געוואַלט

נעם מיך, נעם מיך און באַהאַלט
אין דיינע שמאָלע רוימען, פינסטערע געוואַלט.
פיר מיך איבער זינקענדיקע טרעפּ,
דורך שטויב און פינסטערניש און שפּינגעוועב.
אָ, לייג אויף מיר דיינע קאַלטע הענט,
דעם פאַרשימלטן געררוך פון דיינע ווענט,
און פיר מיך, פיר מיך טיפער אין דער נידער —
אין די אָפענע קאַמערן פון דיינע גלידער.
איך גיי דיר נאָך ווי מיין אייגענער בליק
דעם בלינדן ווילן, געפּענטעט אין שטריק.
ווי אַ נאַכטוואַנדלער דעם שטומען רויש פון שטערן —
קען איך דיך פילן און זען און הערן.
און ווי דעם פינסטערן שאָטן אַ דערשראָקן געשטאַלט —
גיי איך דיר נאָך, אָ פינסטערע געוואַלט!

# אין אַ דורכגעשטרייפטן זייל פון דער זון

(א. טאַבאַטשניק׳ן)

(א)

דאָ, וואו איך בין געשטאַנען אין אַ דורכגעשטרייפטן זייל פון דער זון —
אין קעלערשטויב, אין פייכטקייט, אין דער שמאָלגעוועלבטער
קאַמער, און
געקליבן דעם איבערגעבליבענעם רעשט פון דיין קאַרג פאַרמעגן —
פאַר דיר, פאַר דיין ווייב און פאַר דיין קינד —
האָב איך דיך פון דער ווייט געפרעגט, אָדער דיך געוואָלט פרעגן
וועגן אַזוינע זאַכן וואָס שטייען אייביק שטאַר פאַר אונדז און קוקן בלינד
אונדז אָן, ווי גאַרניט, און בלייבן אייביק אָן ענטפער שולדיק.
שטיל און געדולדיק האָב איך געקליבן:
אַ ניטדערוואַשן העמד, מיט ברודיקע, געקניפּטע שפּיצן,
אַ דינעם העפט מיט אַ רויער קינדערשער שריפט פאַרשריבן,
אָפּגעריבן געשיר, פאַרזשאַווערטע האַרנאַדלען, אַ שליטעלע
(דיין קינדס?)
איך האָב זיך דערמאָנט די מעשות פון פאַרבלאָנדזשעטן ציגיינערפרינץ
וואָס דו פלעגסט איר דערציילן.
דאָ, אין קעלערקאַמער, אין די שמאָלע, שטויביקע פיר איילן,
האָב איך ווידער דערזען דאָס קינד אויף דיינע קניען.
(דאָס קליינע דערשראָקענע ווייב האָט זיך געפּאַרעט אין קיך,
געקלאַפּט מיט די האַרטע, הילצערנע אָפּצאַסן פון די שיך.)
איך זע נאָך איצט דיינע אָנגעצונדענע אויגן גליען.
— אַמאָל איז געווען אַ ציגיינערפרינץ.

(ב)

ביט איינמאָל האָב איך געפרעגט פון וואַנען דו ביזט צו אונדז געקומען
אַזוי פלוצים און ווי אַ דאָרנבוש פלוצים אויפגעברענט?
(ווער איז געווען דער ערשטער וואָס האָט דיך אין לויטערן פייער
דערקענט?)

ווילדער וויכער פון רוסישן סטעפּ,
פאַר אונדזערע בלאַסע שויבן, פאַר אונדזערע געבראָכענע טרעפּ.
וואָרצלדיקער קראַט אין אונדזער ווייכער, פייכטער ערד —
פון וואַנען ביזטו געקומען און אונדזערע גערטנער איבערגעאַקערט
און איבערגעקערט?
דו האָסט געזאָגט: איך שענק איך מיינע הייסע, מיינע ערלעכע הענט.
(ווער איז געווען דער ערשטער וואָס האָט דיך אין לויטערן פייער
דערקענט?)
דו האָסט געזאָגט: זעט, דאָס איז גאָלד און דאָס איז מיסט.
מיר האָבן ניט געפרעגט פון וואַנען דו קומסט און ווער דו ביזט
נאָר גאָלד מיט גאָלד און מיסט מיט מיסט געוואויגן —
דו האָסט אונדז געגעבן דיינע הענט, דיין האַרץ און דאָס לויטערע פייער
פון דיינע טאַטערשע אויגן.

(ג)

דו האָסט אַ ווייב, דו האָסט אַ קינד,
דו האָסט חברים וואָס צייכענען דעם גאַנג פון שטערן. דער ווינט
רינט ווי דין געזאַנג אין זייער בלוט.
דו קענסט עס הערן און דיר איז גוט.
אין דיינע אָדערן ווערט עס געשריי, הילכיק און פריי.
„אין גרויסע שטעט, אין שטיינערנע אַלייען
בליען מיר ווי יאַשמין, רוישן מיר ווי מאַי."

ס'איז ניט דער ערשטער פרילינג, ניט דער צווייטער, ניט דער דריטער.
פון צופיל באַוועגטקייט שפּרינגען די ערשטע שפּליטער.
האַרבסטן קומען ביטער און ווינטן וואָס זויגן
די לידער פון די ליפּן, די לידער פון די אויגן.
ציגיינערפרינץ, אָנגעטרונקען מיט זון, איצט ווילסטו מיידן די שוועלן
פון אונדזערע שטיבער —
פון אַלע אַנדערע דיכטערגעזעלן האָב איך דיך אַלץ נאָך ליבער.

(ד)

איך קען ניט זאָגן אַז דאָ אַהער בין איך דיך געקומען זוכן —
אַ ווילדער וואַלד פון ווידערשפּרוכן! —
אין קעלערשטויב, צווישן אַלטן בלעטערוואַרג און טונקעלע גערוכן.
נאָר דאָ האָב איך דיך געפונען, דאָ האָב איך צו דיר גערעדט,
דאָ, וואו דער טרוקענער זשאַווער האָט געגלעט
די אייזערנע געשטעלן פון צעבראָכענעם בעט
און דער שטויב איז געווען ווי גאָלדענער שפּריי פון זומעררעגן —
דאָ האָב איך דיך געפרעגט, אָדער דיך געוואָלט פרעגן
וועגן די ערשטע טעג און די באַרוישטע נעכט,
מיט לידער ווי געליבטע און צו די לידער — קנעכט.
נאָר וואָס האָסטו געענטפערט? איך האָב אַמאָל געהערט
דעם אָפּגעהילכטן קלאַנג פון צעבראָכענע שפּאָרן, דעם לעצטן הויך
פון אַ פאַרזשאַווערטער שווערד,
און געזען דעם רייטער און געזען דאָס פערד
ליגן זייט ביי זייט — און דאָס פאַרטריקנטע בלוט אויף דער ערד.
אַזוי האָט דיין קול געקלונגען, אַזוי
האָב איך דיך געזען. פינסטער, פינסטערגרוי
איז געווען דיין פּנים. דער ווינט
האָט געשפּילט אויף די שטומע סטרונעס פון דיין קאָפּ. שטאַר און בלינד
האָסטו געקוקט אויף מיר. וועמענס בליק איז עס געווען, דיינער
אָדער דעם ווינטס?
דו מוזט מיר ענטפערן, ציגיינערפּרינץ!

## צו . . .

די קרוין מאַכט פלאַטשיקער דיין קאָפּ,
דאָס פּנים פרעכער און פאַרגרעבטער.
ס'איז פּוסט דער שטאָלץ וואָס שלאָגט זיך אָפּ
אין גאָלד פון טראָלדן און פון סצעפּטער.

דער ברוינער, וואַרימער בורשטין
פאַרבלאַסט אויף דיינע קרוכלע פינגער.
אויף טעפּיכער פון הערמעלין
ווערט שטום די שטים פון בעסטן זינגער.

די טויב האָט ליב דעם טויבנשלאַק,
די מוראַשקע דעם שטויב פון גריבער,
און דו — די הענטשקעס און דעם פראַק
און די גאָלדענע ציגל פון דיינע שטיבער.

# ליגן

ווער האָט אויפגעציטערט, אויפגערוישט פאַרווירט,
און ווער האָט מיט אַ ביטער מויל געשוויגן,
ווען וועלקע ווערטער האָבן אָנגערירט
דעם זינקענדיקן זומפּ, דעם ליגן?
אַ ווילד געוויקס, פאַרקנעכטסט די פרייד
מיט האַרטגעקניפּטע און מיט שניידנדיקע צאַמען,
נאָך אויף מיין יונגן האַלדז האָט מיר דיין קייט
געשניטן צייכנס און געזיגלט פליאַמען.
אַ, דאָרנבוים מיט וואָרצלען גריבעם גיפט
אין מיינע אָדערן ווי גליענדיקע שניטן —
די אויגן שווינדלען און ווי שפּיגלשריפט
צערייצטע ווערטער זיינען אָנגעריטן
מיט פרירנדיקן אָטעם פאַר מיין טיר
און טויט געבליבן ליגן איבער מיר.

## אַ בריוו פון געפענקעניש פון פּאָלווערלען צו אַרטור ראַמבאָ:

ווייל דאָס איז ניט די זון, דאָס איז ניט קיין פענסטער און דאָס איז ניט
קיין מויז אונטערן בעט —
איך שפּיר די ברודיקייט פון ליילעך אונטער מיר, דאָס האַרטע
לייוונטענע העמד —
זיינען עס מיינע ליפּן וואָס שווייגן און דאָס פּאַפּיר וואָס רעדט:
ווייס, מיין טרויעריקער קאָפּ איז טרוקן, ברודיק און ניט פאַרקעמט.

וואו זיינען דיינע פינגער? דאָס קילנדיקע בלוט אונטער מיין הויט שרייט
אויס נאָך זיי,
און ניט נאָר מיינע ליפּן גאַרן נאָך דיר, זוניק ייִנגל, האַלבריפּער מאַן.
איך ווייס אַז ערגעץ אַטעמסטו און בענקסט און ביזט פאַראַן
און ווייס ניט — זיינען די לאַנקעס גרין, זיינען די פעלדער
שווערגעדעקט אין שניי?

איך בין ניט שטום נאָר ווערטער פּרירן, ווערטער שטאַרבן אין מיין מויל,
איך בין ניט טויב — וואָס וויל איך הערן און וואָס קען איך הערן?
אָ, גאָט ווי איך בין שלעפעריק, אָ גאָט, ווי איך בין פויל!
קעגן וועמען זאָל איך זיך שטעלן, קעגן וועמען זאָל איך זיך ווערן?

איך וואָרט. עס שוויגט מיין בלוט נאָר מיינע שלייפן שפּירן:
עס שרייט דער טאָג, די זון בליט אויף, די שעה דערנענטערט זיך:
אָ זוניק ייִנגל, אויף גאָלדענע לאַנקעס וועל איך דיך ווידער פירן.
וואָס פאַלן דיינע אויגן צו? באַדויערסט מיך?

נאָר איצט איז שפּעטע נאַכט. די שטילקייט ריינט. עס דרימלט דאָס
פּאַפּיר.
דאָס איז דער לעצטער אָטעמצוג פון ליכט וואָס פלאַטערט אויף מיין פען.
דער מידער וועכטער ריגלט צו אַ סקריפּנדיקע טיר.
עס בענקט נאָך דיר . . . עס בענקט נאָך דיר —
ווערלען.

## שאַרל באָדלער צו זיין מוטער:

(איציק מאַנגער)

קום מיט מיר, מוטער, איך וועל דיך פירן
אין די טונקעלע היילן פון מיין געהירן,
וואו פייגל פּיקן און עס גריזשען מייז —
קום מיט מיר אויף מיין געלעגער פון לייז.
נעם ניט מיט מיט זיך דיין זיסן גערוך,
דיינע הענט פון זייד, דיינע האָר פון פוך.
דער ליכטיקער סאָמעט פון דיין שטערן
וועט ביים ערשטן אַריינגאַנג פינסטער ווערן.
אַ גריינער וואָלקן איז מיין שוועל,
די פלעדערמויז איז מיין געזעל —
זי וועט מיט צוגעמאַכטע אויגן
אַריבער דיין ווייסן לייב זיך בויגן,
און מיט שטעכיקע, געשפּריצטע עקן,
מיט פלאַטערפליגל דיך איבערדעקן.
קום מיט מיר, מוטער, שטעל זיך ניט אָפּ
פאַר די אָפענע וואונדן אויף מיין קאָפּ.
לייג דיינע שלאַנקע געצערטלטע פינגער
אויף דעם נאַקעטן לייב פון דיין זון דעם זינגער.
און האַנט אין האַנט און לייב צו לייב,
און ליפּ אויף ליפּ — מיין מוטער, מיין ווייב —
אין די טונקעלע היילן, אויף געבראָכענע טרעפּ,
ביז אַ ליכט וועט אויפגיין איבער אונדזערע קעפּ.

# טאָג

כ'האָב היינט געזען אַ טויט פערד
אינמיטן גאַס. ווייס און אויסגעשטרעקט,
מיט פליגל און מיט קויט באַפלעקט.
און שפּעטער האָב איך געהערט
אַ פרוי באַוויינען איר איינציק קינד.
און איך מיט מיין שטעקן — ברוין און גלאַט —
האָב גאַס נאָך גאַס אַדורכשפּאַצירט,
דאָס היטל פאַררוקט ווי אַן אמתער יאַט,
גלאַנציקע האָר און פריש ראַזירט.

און שפּעט ביינאַכט, מיט פרעמדער שרעק,
בין איך מיט איילקע טריט צו דיר אַוועק,
און געטראַכט פון ווייסן, טויטן פערד,
פון אַן אָרעם קינד און אַ נאַסער ערד.

# טויט אין טורעם פון עלפנביין

די כלבים רייסן אַפּ מיין שוועל,
די קלעטערפלאַנצן שימלען.
לאָזט מיך צורו. — אין פּליושענעם פּאָטעל
וויל איך געמיטלעך דרימלען.

די ווענט זיינען פון עלפנביין,
מיט גאָלדגעקאָוועטע שטאַבעס.
איך וויל ניט הערן דאָס געוויין
פון טויטע זיידעס און באַבעס.

אַ מילדער פלאַם איז מיין געמיט
און מיינע בלוטן צאַנקען.
וואו ס'האָט די שאַרלאַך־רויז געגליט
גייט אויף אַ מיסטבאַרג פון געשטאַנקען.

דער פלאַם האָט באַלד שוין אויסגעברענט —
איך וויל דעם טויט זיך אָנפּאַרטרויען.
אויף יענער זייט פון מיינע ווענט
מעגן די כלבים וואָיען!

# אויפן טויט פון אבאָ שטאָלצענבערג

אונטער דער טיר לויערט דער גזלן —
צו זיין ביקס איז צוגעשרויפט אַ שפּיז.
מיין חבר ליגט אין בעט און גוסס׳ט
און אין דער גסיסה הערט ער: שיס!

זיין פּנים איז ברודיק ווי דאָס ליילעך,
זיין נאָז פאַרשפּיצט ווי אַ שאַרפע רוט.
די ליפּן וואָס זיינען געווען זיינע,
זיינען ליפּן אָן אַ טראָפּן בלוט.

דער ווינטערווינט צעעפנט די פענסטער
און פאַרבלאָזט אויפן בעט אַ פּאָר זערנעס שניי.
מיין חבר עפנט אויף די אויגן
און די אויערן זיינע הערן: גיי!

ער וואַרפט אַוועק דאָס ברודיקע ליילעך,
ער שטעלט אַראָפּ די פיס אויפן דיל,
ער שפּאַנט אַרויס דורכן אָפענעם פענסטער —
דער ווינט איז פּלוצים געבליבן שטיל.

ער טרעט אויפן שניי ווי אויף סטעזשקעס בלומען —
ווי אַ דערשאָסענער הונט איז דער ווינט איצט שטום —
נאָר אין זיינע אויערן הערט ער זשומען
דעם גזלנס ווערטער: קער זיך אום!

ער זעט צום ערשטן מאָל דעם גזלן,
ער זעט די ביקס מיט דער גיפטיקער שפּיז.
ער זעט צום צווייטן מאָל דעם גזלן
און עס ברעכן זיך אונטער אים די פיס.

דער גזלן קומט נענטער, נענטער, נענטער —
מיין חבר מאַכט די אויגן צו.
אַ לאָז מיך קושן דיין פראָסטיק פּנים,
אַ לאָז מיך שטאַרבן אַזוי ווי דו.

## ביסלעכווייז שטאַרבן . . .

ביסלעכווייז שטאַרבן, מיט טויזנט טויטן,
יעדער טויט וועט דויערן איין מינוט.
מיין הויט וועט צעפאַלן ווי פאַרוויאַנעטע שויטן
און מוטנע וואַסער וועט ווערן מיין בלוט.

יעדער שטיין אויף דער גאַס וועט זיין מיין קבר,
מיין לעצטער הויך וועט בליען אויף יעדער שויב.
אין די שכנים דערקען איך מיינע באַגראָבער —
זיי לויערן אויף מיר ווי חיות אויף רויב.

די בלומען, די שטערן און די פרויען
וואָס שווימען אין די טייכן פון מיין בלוט —
וועלן זינקען אַזוי ווי אין אַ זומפּ אַ גרויען
און שטאַרבן מיט מיר אין דער זעלבער מינוט.

# געשפּענסט

דער דינער זאַפט פון ווילדן קרייטעך
מיט גרינעם גיפט מיינע בלוטן מישט.
גוטס אויף שלעכטס, ווייס אויף שוואַרץ פאַרבייט איך,
און האַס האָט מיין געוויסן אָפּגעווישט.

מיין שיף געאַנקערט אין אַ פרעמדן באָרטן,
דער קאָמפּאַס — ווי די מאַסטן — איז צעשטערט.
די ברוכשטיקער אין שליימיק וואַסער, בלומען אין מיין גאָרטן —
און זינדיק איז מיין יעדער טראָט אויף דר'ערד.

דער הייסער שוואונג פון מעוו און אַלבאַטראָסן
פאַרגליווערט רוט אין מיינע הענט און פיס.
אין דער אַליי פון בייזקייט און פאַרדראָסן
בין איך ווי אַ געשפּענסט — שרעקנדיק און מיאוס.

באַלאַדע 1940

# באַלאַדע 1940

(א)

אײן שיף גײט פֿון האַמבורג,
אַ צװײטע גײט פֿון ברעמען —
די לבנה װיל מיט גרינעם סם
די װאַסערן פֿאַרשעמען.

אַ װינט צערײצט דעם ים,
דער ים װיל ברײטער װערן.
די לבנה טריפֿט מיט סם,
די שטערן טריפֿן טרערן.

די שיפֿן בלאָנדזשען אום —
װי קען מען דעם װעג געפֿינען?
אײן קאַפּיטאַן איז שטום,
דער צװײטער איז פֿון זינען.

די אױװנס שטײען לער,
די קאָמפּאַסן צעשאָסן.
דער ים איז װילד, די שיפֿן שװער
און שכּור די מאַטראָסן.

אײן פֿאָן פֿלאַטערט פֿרעך,
די צװײטע איז צעשטאָכן —
אַ האַקנקרײץ פֿון בלעך,
אַ שאַרבן מיט צװײ קנאָכן.

דער שטומער קאַפּיטאַן
האָט שױמיק־געלע ליפּן.
דער דולער קאַפּיטאַן
שלאָגט פֿױסטן אין די ריפּן.

די שיפֿן בלאָנדזשען אום,
די באַכט װערט גרױער, גרױער.
די שטערן פֿאַלן קרום,
דער װינט איז אױף דער לױער.

און די לבנה לאַכט
און שטשירעט גרינע ציינער.
צווײ שיפן אין דער נאַכט —
אַ האַקנקרייץ, אַ שאַרבן מיט צוויי ביינער.

(ב)

דער דולער קאַפּיטאַן גייט פון קאַבין אַרויס,
די פיס זיינען געפּענטעט, דער קאָפּ רוישט ווילד.
די לבנה איז ווי אַ קירביס, קיילעכדיק און גרויס,
די שטערן שטאַרן ווי אויף אַ שלעכטגעמאָלן בילד.

— „אין וועמענס וואַסערן שווים איך אום?" שרייט ער אויס. —
„צו וועלכן האַפן און צו וועמענס ברעג?
דער ווינט גייט אום אין מיינע אויערן ווי אין אַ ליידיק הויז,
דער ווינט שפּילט אויף מיין האַרצן ווי אַ זעג."

דער דולער קאַפּיטאַן גייט צו דער אויסקוק־בריק,
די שיף איז פּוסט און נאָר דער ים איז וואַך:
— כ'וויל ווי אַ יינגל ווידער קלעטערן אויף שטריק
און מיט מיין לייב צעשמעטערן די וואַסערפלאַך.

כ'וויל ווי אַ קינד זיך ווידער וואַלגערן אין זאַמד
און זען די שפּיצן פון אַ זעגלשיף דורך מיין שפּאַקטיוו.
כ'וויל ווידער זיצן אויף דער מוטערס שויס—איר פּנים איז פאַרפלאַמט
און קליינע טרערן פאַלן אויף מיין פאָטערס אויסגעקנייטשטן בריוו.

איך בין דער קאַפּיטאַן! מיין שיף זינקט אין אַ מוטנעם טייך.
וואו זיינען די מאַטראָסן? איך בין אַליין, אַליין.
אַ זשאַבע קוואַקעט, איצט בין איך מיט דער זשאַבע גלייך —
איך בין דער לעצטער און דער לעצטער וועל איך אונטערגיין.

דער דולער קאַפּיטאַן ציט פון דער קעשענע אַ גלאַנציקן פּיסטויל —
צום שאַרבן מיט די קנאָכן פאַלט זיין לעצטער בליק.
די שליפן בויערט דורך אַ סווישטשענדיקע קויל —
דער קאַפּיטאַן בלייבט הענגען אויף דער קלעטערבריק.

— קאַפּיטאַן, קאַפּיטאַן, מיר פאַרלאָזן די שיף,
מיר קוקן דאָס לעצטע מאָל זיך אום.
דער דולער קאַפּיטאַן בלייבט אויף דער שיף —
דאָס מויל און די אויגן אויף אייביק שטום.

קאַפּיטאַן, קאַפּיטאַן, וואָס ענטפערסטו ניט?
דעם שונאס קויל האָט דיין קאָפּ צעמישט.
דער קאַפּיטאַן מיט אַ קויל אין קאָפּ
פאַלט פון דער קלעטערבריק אַראָפּ.

ער פאַלט אויפן פּנים, ער פאַלט אויפן בויך —
און די לבנה האָט זיך ווידער צעלאַכט אינדערהויך.

(ג)

— וואָס זיינען ווערטער? איך קען זיי גוט! —
האָט דער שטומער קאַפּיטאַן געטראַכט.
— ווי ווערים קריכן זיי אום אין מיין בלוט
און בלייבן פאַרשלאָסן בייטאָג און ביינאַכט.
מיין צונג איז איצט ווי אַ נאַס שטיק ליים
אויף די האַרבסטיקע סטעזשקעס פון מיין היים.

אינדערהיים איז אַ ווייב און אַ קינד פאַראַן,
אַ וואַרימער אויוון, אַ בעט פאַר צוויי . . .
אויפן דעק פון זיין שיף שפּאַנט דער קאַפּיטאַן,
די צונג איז געליימט און דאָס האַרץ טוט וויי.
פּוסט און פאַרלאָזן איז איצט די דעק —
זיין שיף זינקט ווייט פון האַפנברעג.

די כוואַליעס רוישן, עס וואָיעט דער ווינט.
דער ווינט שטעפּט די כוואַליעס מיט שטאָלענע שטעך.
אויפן שפּיץ פון דער שיף, אין פלאַטער פון ווינט —
די פאָן מיטן האַקנקרייץ פון בלעך.
דער קאַפּיטאַן שטעלט זיך פּלוצים אָפּ
און דערזעט די שטערן איבער זיין קאָפּ:

— אַ בלוטיקע שטערן! — האָט ער געטראַכט —
רעגנט מיט פולווער, מיט בליי און מיט שרויט!
דער קאַפּיטאַן האָט די אויגן פאַרמאַכט
און געזען ווי עס קומט צו אים דער טויט.
דער טויט איז געקומען מיט פייער און פלאַם —
די שיף איז זיין טרונע, זיין קבר — דער ים.

עפילאָג

# עפּילאָג

איך בין איצט בלאַס ווי ווייסער קאַלך איז,
איך ציטער ווי אין ווינט אַ בלאַט.
כ'האָב זיך פאַרפּוצט אין בגדי מלכות —
דאָס בעסטע וואָס איך האָב געהאַט:

אַ טונקל־בלוי געשטרייפטן אַנצוג,
אַ העמד, ניט ראָשיק און ניט מאַט,
און צום סוף — ווי אַ דערגאַנצונג —
אַן אַבערקראַמבי־פּיטש־קראַוואַט.

אברהמס זון אויף דער עקדה
איז געלעגן שטאַר ווי אַ טויפן זאַלץ,
און איך — פּונקט ווי מיין שטאָלצער זיידע —
שטרעק אויס פאַר אייך מיין מילדן האַלדז.

איך האָב געטראָגן באַנוויוואַנטיש
דאָס רויטע מיצל ווי אַ טערק —
די טראָלדן זיינען שטאַרק ראָמאַנטיש,
נאָר מינדערווערטיק איז דאָס ווערק.

איך בין געווען אַ זייפנזידער,
אַ בעלפעררייינג דעם אָסיענווינטס,
איך האָב געווידמעט מיינע לידער
אַ בלום און אַ ציגיינערפרינץ.

פאַר וועמען גוט, פאַר וועמען חוזק —
אין זומפּ פאַרקריכט דער ריטעריונג.
די וועלט איז מיט פּאָעטן לויזיק,
פול גאַל און פול פאַרביטערונג.

האָב איך געוואָלט פאַרגעסן אין
דער וועלט — דער שטינקענדיקער שטאַל —
בין איך אַוועק צו ליעסינען
און זיך געדרוקט אין זיין זשורנאַל.

מיט אויסגעקליבענע חברים
געטראָגן גוטמוטיק די לאַסט
פון אַן אויסגעטראַכטן חרם —
דער חרם האָט מיר גראָד געפּאַסט.

מיט ראַלניקן האָב איך געשוויגן,
מיט לאַנדוין האָב איך קאָקעטירט,
ביי אַנדערע געשפּירט דעם ליגן
און מאַני לייב האָט מיך פון זין געדירט.

מיט האַלפּערנען געוועזן ביטער,
ניט גלייכגילטיק צו י. י. שוואַרץ.
די מוזע מיט צו שאַרפע ריטער
האָט קיינמאָל ניט געביי̆טשט מיין האַרץ.

זאָל זיין געענוג שוין וואונדן ראַיען —
איך קלאָג די דיכטונג פאַר אַ גט.
זי ווייסט ווי איך — ס׳איז בזיון
היינט צו טאָג זיין אַ פּאָעט.

איצט שריי איך אויס: אַ מיזערערע!
און פאַרענדיק מיין לאַמענט.
מיין האַרץ בלייבט ליידיק ווי די לערע
ראָזע פלאַכן פון מיינע הענט.

# אינהאַלט:


פאָרוואָרט צו אַ ניטגעשריבענער עפּאָפּייע — — — — — — — — — — 5

## אין אייגענעם געוויין

דער גאָלדענער זינגער — — — — — — — — — — — — — 15
מיין יחוס — — — — — — — — — — — — — — — — 17
באַלאַדע פון מיינע צוויי פעטערס — — — — — — — — — 18
באַלאַדע פון מיין באָבען אויף דער עלטער — — — — — — — 19
דער פאַרטריבענער זון — — — — — — — — — — — — — 22
אין אייגענעם געוויין — — — — — — — — — — — — — 23
לידער צום יינגל אין גאַליציע — — — — — — — — — — 26
רואינען — — — — — — — — — — — — — — — — 30

## פראָסט און פייער

באַלאַדע פון פראָסט און פייער — — — — — — — — — — 33
בלוט און טרערן — — — — — — — — — — — — — — — 34
קלאָגליד אויפן טויט פון אַ מיידל — — — — — — — — — 35
פאַר אַלע באַקעטע זאַכן — — — — — — — — — — — — 37
די לבנה בלייבט שטיין איבערן הויז וואו אַ מיידל שטאַרבט — 38
אַלטע מיידלעך — — — — — — — — — — — — — — — 39
ליד פון די אַלטע מיידלעך אין הימל — — — — — — — — 40
דאָס מיידל רעדט — — — — — — — — — — — — — — 41
פאָרטרעט — — — — — — — — — — — — — — — — 42
קלאָגליד פון אַ פרוי אויפן טויט פון איר מאַן — — — — — 43
אין דער פינסטער — — — — — — — — — — — — — — 46

## ערשטע בליטן

ערשטע בליטן — 49
דערהיינערונגען ביים קלאַוויר — 50
ליבעליד — 52
דאָס ליד פון געליבטן — 53
צוויי לידער פאַר ל. ה. — 54
אונטער לאָדנס — 55
עלנטע רויז — 56
אונדזער צאָרן — 57
אונדזער דאָס בלוט — 58

## דער וואַלד פאַרשווינדט

דער וואַלד פאַרשווינדט — 61
ל. מ. — 62
עפּיטאַף — 63
דער קאַליקע — 64
דער קאַליקע זינגט — 65
מיט בלוטפּאַרלאָפענע אויגן — 66
קעץ — 67
לאה — 68
דער גנב און דער חונף — 70
דער מוסרניק און דער מקונן — 71
ווידערגעפיל — 72

## מאַגישע לאַנדשאַפט

מאַגישע לאַנדשאַפט — 75
שפּעטהאַרבסט — 76
צו דער בלויער בלום — 77
ניט בלויז איבער מיר — 79
שטומער בוים — 80
מאָמענט — 81
וועגן צווייגן, אויגן און די גרינסטע שפּין — 82
אין גרינעם מאָך פון ווינט — 83
מאַקבעט — 84
אַנטלויף פון דער לבנה — 85
רעפריין — 86
גוטע לייט, איידעלע לייט — 87

## דאָס פלייש איז טרויעריק

יינגל — 91
דער טאָג פאַרגייט — 92
דער יונגער וועכטער רעדט — 93
וואָרט און טאַט — 94
באַלאַדע פון מידע ווערטער — 95
צו אַ דיכטער — 96
אַ וואָרט, אַן אות — 97
לייענענדיק רילקען — 98
זישאָ לאַנדוין — 99
פינסטערע געוואַלט — 100
אין אַ דורכגעשטרייפטן זייל פון דער זון — 101
צו . . . — 104
ליגן — 105

אַ בריוו פון פּאָל ווערלען . . . — — — — — — — — — — — 106
שאַרל באָדלער צו זיין מוטער — — — — — — — — 107
טאָג — — — — — — — — — — — — — — 108
טויט אין טורעם פון עלפנביין — — — — — — — — 109
אויפן טויט פון אבא שטאָלצענבערג — — — — — — 110
ביסלעכוויז שטאַרבן — — — — — — — — — — — 111
געשפּענסט — — — — — — — — — — — — — — — 112


## באַלאַדע 1940


באַלאַדע 1940 — — — — — — — — — — — — — 115


## עפּילאָג


עפּילאָג — — — — — — — — — — — — — — — — 121